וואָכנצײַטונג
№ 15

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG". · פרייז 20 גראָשן.

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Piątek 9 kwietnia 1937 | ליכט-צינדען 6,06 | פרייטאג פ' שמיני כ"ח ניסן תרצ"ז

EDWARDA KRAUSKOPF
LEKARZ-DENTYSTA
Aleja 11 m. 1
przyjmuje od g. 10—1 i 4—7.

Jest do sprzedania PLAC przy ul. Narutowicza
Wiad.: Panny Marji 35, m. 15
w godz. 1—4 po poł.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Uczy modnie, wytwornie, w kompletach, pojedyńczo — zapisy codziennie. Opłaty przystępne.
יעדען שבת א פראַקטישע לעקציע פאר יודישער געזעלשאפט. אנהויב 8 אָוונד. ערשטקלאסיגע מוזיק.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.
צום פריהלינג-סעזאן
מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאנג - דויערנדע שפיגעל-גלאַנץ ווי אויך **כעמיש** צו רייניגען און צו פאַרבען אלערארט קליידונג.
גארדינען צו וואשען און צו שפאנען.
ספעציאליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).
אַכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט
אלץ צו ביליגע פרייזען.

może sobie powiedzieć Pani, nie dopuszczając do występowania piegów na wiosnę. Zapobiega tej szpecącej dolegliwości cery i usuwa piegi

מיר בעטייליגען זיך אין גרויסען צער פון אונזער פריינד ה'
ראובן קאָזשושניק און פאמיליע.
צוליעב'ן טויט פון זייער ליבע פרוי און מוטער
שבע נ"ע
און דריקען זיי אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.
שמואל אַלטמאַן און פרוי

מרכז דתי-תרבותי ע"י בית-הכנסת החדש.
יודאאיסטישער אינסטיטוט ביי דער נייער שוהל
זונטאָג, דעם 11 אפריל 4 א זייגער נאכמיטאָג
אַ רעפעראַט פון הרב ד"ר מ. ז. ברוידא
די יוגענד און די צוקונפט פון יהדות
בילעטען צום פרייז פון 25 און 49 גר. שבת-צו-נאכטס אין דער ביבליאטעק, זונטאג פון 15-30 ביים איינגאנג.
במועדון העברי ירצה במוצאי שבת ב8 30 בערב
הרב ד"ר מ. שטיין המכון למדעי היהדות בורשה
שבת, פ' שמיני **מסבת עונג=שבת** 4 אַ זייגער נאכמיטאג

M. FAJGENBLATT
Pracownia ubiorów damskich i futer
CZĘSTOCHOWA, II ALEJA 18.
poleca Sz. Klijenteli swą wykwintną robotę
na sezon wiosenno-letni.
Paryskie modele. Pierwszorzędne wykonanie.
Ceny bardzo przystępne.

צענטראַל-ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע קלאסען-פעראיינען אין פוילען
צענטראַל-ראַט אין טשענסטאָכאָוו, פילסודסקי 17.

אויסדריקענדיג אין נאָמען פון צענטראַל-ראַט און אלע יודישע פראָפעסיאָנעלע קלאסען-פעראיינען א טיעפען און הארציגען דאנק דעם

טשענסטאָכ. הילפס-קאָמיטעט אין אמעריקא

פאר זיין חבר'ישער הילף, גיבען מיר גלייכצייטיג איבער דער עפענטליכקייט דעם בעריכט פון דער שטיצע-פונאנדערטיילונג.

די 250 דאלאַר אויף פויליש געלד האבען בעטראָפען 1315 זל., וועלכע זענען צוטיילט געווארען אויף פאָלגענדען אופן.

אלע פערוואלטונגען פון די אונטען אויסגערעכענטע פראָפעסיאָנעלע פעראיינען האבען צוגעשטעלט דעם צענטראַל-ראַט די ליסטעס פון זייערע ארבייטסלאָזע. די ליסטעס זענען דורכגעזעהען און בעשטעטיגט געווארען אויף א געמיינזאמער קאָנפערענץ פון אלע פערוואלטונגען און צענטראַל-ראַט. די שטיצע איז פונאנדערגעטיילט געווארען דורך די בעזונדערע פערוואלטונגען אונטער דער קאָנטראָל פון צענטראַל-ראַט.

שטיצע האבען בעקומען ארבייטסלאָזע פון פאָלגענדע פעראיינען:

דערנעהרונג פעראיין 50 ארבייטסלאָזע, סעקציע פון ארבייטסלאָזע ביים צ. ראַט 50, טראנספּאָרט ארבייטער 48, טרעגער (אומאבהענגיגע) 47, סאַצ. אַרימע כאלופניקעס 35, בעקליידונג 29, לעדער 20, בוי, טישלער, מאלער 14, פריזירער 12, מעטאל 8, כעמישע 3, צוזאמען 317 ארבייטסלאָזע.

דערפון האבען בעקומען 10 פערזאָן צו 7 זל.	70 זל.
1 פערזאָן 6 זל.	6 „
306 פערזאָן צו 4 זל.	1224 „
צוזאמען	1300 זל.

די רעשט 15 זל. זענען אויסגעגעבען געווארען אויף פּאָרטאָ, קאָמוניקאטען א. ד. גל.

עקזעקוטיוו פון צענטראַל-ראַט
פּאָרזיצער: (—) **ד. קלין**
סעקרעטאר: (—) **צ. אַלטמאַן** קאַסירער: (—) **י. יאראָנאָווסקי**

די אלע, וועלכע האבען אָנטייל גענומען אין דער לויה פון אונזער אונפערגעסליכער פרוי און מוטער
אסתר היירשבערג
פון דערהיים פרענק
וועלכע איז פאָרגעקומען דאנערשטאג, דעם 8-טען אפּריל 1937 י. (כ"ז ניסן תרצ"ז), דריקען אויס דעם טיעפסטען דאַנק
די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
מאַן, טעכטער, זיהן, איידעם, שניר, אייניקלעך און **פאַמיליע**.

Koledze naszemu JOSKOWI KOŻUSZNIKOWI z powodu zgonu Matki Jego
b. p. SZEJWY
składają wyrazy współczucia ZOMBKÓWNE, LANDAUÓWNA, BRACIA KURLAND i AMSTERDAMER.

מיר נעמען אָנטייל אין צער פון אונזער שטענדיגען מתפלל
ה' ראובן קאָזשושניק און פאמיליע
צוליעב'ן טויט פון זייער פרוי און מוטער **שבע** נ"ע
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
די גבאים און מתפללים פון דער שטאָדט-שוהל.

פאַלאַ באָבראָווסקאַ — דוד וואָלהענדלער
ווילעלון — לאָדז
פ ע ר ל אָ ב ט
אין מערץ 1937 י.

א הארציגען מזל-טוב אונזער ליבע טאָכטער און שוועסטער **פּאַלאַ** צו איהר פערלאָבונג מיט ה' **דוד וואָלהענדלער** פון לאָדז. מיר זאָלען פון זיי פיעל נחת דערלעבען.
עלטערן און געשוויסטער באָבראָווסקי, ווילעלון.

אחולים לבביים לחברה ועדת הצה"ר **פולה בוברובסקה** וילון לארושיה את מר **דוד וואָלהענדלער** לודז, יזכו לבנות את ביתם בציון המשוחררת.
ועדת הצה"ר בוילון,
ועדת קרן תל-חי, המפקוה וקן בית"ר.

חברה **פולה בוברובסקה** שמחתך — שמחתנו!
בלומה מארקוס, משולם סקוברונק, יעקב קונירסקי, חיים דווידוביץ, מנחם גאד, דוד בער בלאָפאָק.

Najserdeczniejsze życzenia z intencji zaręczyn POLI BOBROWSKIEJ z p. DAWIDEM WOLHENDLEREM składają
Pola Sulmierska, Janka Holcówna, Sara Erlich,
Sara Sulmierska, Gabryel Koniarski,
Idel Dawidowicz, Jakób Sulmierski.

Najserdeczniejsze życzenia wszelkiej pomyślności koleżance POLI BOBROWSKIEJ z p. DAWIDEM WOLHENDLEREM składają F. Koniarska, M. Orenbachówna.

צו דער פערלאָבונג פון פרל. **פּאַלאַ באָבראָווסקאַ** מיט ה' **דוד וואָלהענדלער** גראַטולירען הערצליך
בראָניאַ, רובין, אברהם קאָשעק.

„TRIOKONG"
Zakłady Przemysłu Radiowego
Częstochowa, Garibaldiego 28. Tel. 10-99
Polecamy pierwszorzędnej jakości radioodbiorniki
COLUMBUS 937
3 lampy z 4 prostownicą
LECH
2 lampy z 3 prostownicą



Nasz system ratalny umożliwia nabycie powyższych odbiorników na najdogodniejszych warunkach.
Demonstracje w firmie
N. TEICHNER
Aleja 14. Tel. 17-91

מיר נעמען אנטייל אין צער פון אונזער גבאי
ה' **משה טענענבוים** און **פאַמיליע**
צום טויט פון זייער פרוי און מוטער
נ"ע הענדל
בתוך שאר אבלי ציון תנוחמו
גבאים און מתפללים דבית הכנסת „שערי ציון" אלעע 1.

דער **פאמיליע היירשבערג** צום טויט פון זייער פרוי און מוטער
נ"ע אסתר
דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
פאַמיליע וו. זשעריקער
פאמיליע פאָזשניאַק.

אַ ישועה פאַר ליידענדע אויף אָרטשיסקעס!
איך נעם אָן בעשטעלונגען אויף שיך פאַר ליידענדע אויף אָרטשיסקעס, וועלכע ווערען אויסגעפערטיגט לויט א ספעציעלען מאָדעל און ערמעגליכען די ליידענדע א בעקוועהמען און לייכטען גאַנג
מנשה גרינצייגער, ווארשאווער גאַס 12
קומט און איבערצייגט אייך! ביליגע פרייזען!
בעמערקונג: ס'ווערען אויך אויסגעפערטיגט אלערליי שיך און פּאָנטאָפעל.

זאָלען מיר מאַכען א סוף צו דער אונלעגאלער שחיטה אין אונזער שטאָדט.

מיר נעמען איצט א וואָרט וועגען אַ זעהר אָנגעווייטאָגטען ענין, וועגען דער שחיטה, וואס איז איינע פון די אַקטועלסטע ענינים אין אונזער יודישען לעבען.

מיר וועלען נישט בעריהרען די פראַגע אין לאַנד-מאסשטאב, נאָר אָנווייזען בלויז אויף עטליכע נישט-פונקטליכקייטען בנוגע דעם דאָזיגען ענין אין אונזער שטאָדט, און דערביי בעווייזען, אַז די היגע יודישע בעפעלקערונג איז א סך שולדיג אין דעם, וואס אויף דעם געביעט הערשט אַ כאָאָס, און וואס געזעלשאפטליכע געלדער געהען לאיבוד.

קודם כל מוז פעסטגעשטעלט ווערען, אַז די אויפזיכטס-מאַכט האט אויפ'ן לעצטען חודש פערקלענערט דעם קאָנטינגענט פון כשר פלייש אויף כמעט 50 פראָצענט, אזוי, אז ס'איז א סכנה, אַז די יודישע בעפעלקערונג וועט אינגאנצען בלייבען אָהן כשר פלייש. ווען מען זאָל זוכען די סיבות, וואָלט מען אפשר געקענט דערין אויך בעשולדיגען אונזערע קצבים אליין, אָבער גלייכער וועגען דעם נישט צו שרייבען...

אויב אָבער מען קאן נאך געפונען ווי עס איז א שטיקעל תירוץ ביי דער דאָזיגער פראָגע, קאן מען אָבער בשום אופן דאס נישט זאגען ביי שחיטת עופות, וועלכע ווערט אויף א נישט-יודישען און נישט-געזעלשאפטליכען אופן טראַקטירט דורך דער יודישער פעלקערונג אין אונזער שטאָדט.

ווי בעוואוסט, האבען א פּאָר יודען, וועלכע האבען גישט קיין קוואַליפיקאַציעס, זיך גענומען צו שחיטה, און כאטש זיי זענען גע'אסר'ט געוואָרען דורכ'ן ראבינאט, טראגט מען ווייטער צו זיי די עופות צום שעכטען און דערמיט ווערען נכשל הונדערטער יודען אין עניני כשרות. אויסער דעם ליידט די קהלה שטארק פינאנסיעל פון דער דאָזיגער הפקרות. און אלע בעמיהונגען אָבצושטעלען די ווינקעל-שוחטים פון זייער שעדליכער אַרבייט, האבען זיך נישט איינגעגעבען.

כדי אָבער אַ סוף צו מאכען צו דער דאָזיגער טרויעריגער ערשיינונג און ענדגילטיג ליקווידירען די געהיימע שחיטה, איז אויף א בשותפות'דיגער קאָנפערענץ פון די ביז-איצטיגע און ניי-אויסגעוועהלטע קהלה אָרגאנען בעשלאָסען געוואָרען צו העכערען דעם עטאַט מיט דער סומע, וואס די שחיטת עופות האט אריינגעבראכט אין דער קהלה-קאסע און אזוי-ארום בעפרייען די שחיטת-עופות פון אבצאהל.

אין דער פראַקטיק שטעלט זיך דער פּראָיעקט פאָר אויפ'ן פאָלגענדען אופן. יעדער, וואס וועט שעכטען אַן עוף, קויפט אויס איין איינעם פון די בעשטימטע פערקויפס-פונקטען א שחיטה-קוויטעל, וואס איז פערזעהן מיט א קופּאָן.

ביים פאָרשטעלען דעם קופּאָן אָדער א רייהע קופּאָנען אין דער קהלה-קאַנצעלאַריע, ווערט דער בעטרעפענדער סכום אָראָבגערעכענט פון עטאַט, מיט וועלכען די געגעבענע פערזאָן איז בעשטייערט געוואָרען.

די דאָזיגע רעפאָרם איז איינגעפיהרט געוואָרען נאָר מיט'ן איינציגען צוועק צו בעקעמפען די געהיימע שחיטה. אונזערע יודען זענען אָבער „קלוג“, און באַלד קומען זיי, די „חכמים“, מיט בויך-סברות, אַז דא שטעקט א הינטער-פּיסעל, אז די קהלה וויל בלומר'שט וויסען וויפיעל איינער עסט אויף עופות, כדי שפּעטער צו קאָנען איהם בעשטייערן מיט א העכערען עטאַט, אַז די דאָזיגע מיינונג איז פּשוט לעכערליך קען דיענען דער בעווייז, דאס יעדער יוד האט דאס רעכט אָבצוקויפען די קופּאָנען ביי א אַנדערען, כדי שפּעטער צו בעצאהלען אָט מיט די דאָזיגע קופּאָנען דעם עטאַט.

מיט אונזערע יודען אָבער, וואס פון איין זייט האלטען זיי זיך פאַר דעם עם חכם ונבון, און פון דער צווייטער זייט זענען זיי אַן עם קשה עורף, איז שווער עפּעס אויפצוטוהן. און זאָלען מיר זיך זאָגען דעם אמת, אז אין א סך אונזערע אומגליקען זענען מיר זיך אליין שולדיג און אויך אין דער הפקרות פון דער שחיטה אין אונזער שטאָדט האבען מיר א גרויסען חלק.

זאָלען מיר זיך פערטראַכטען און ענדליך א סוף מאַכען צו דער פלאָג אין אונזער שטאָדט, וואס רופט זיך אונלעגאָלע שחיטה.

ש.

ווידער געשטיגען די אויסהאַלטונגס-קאָסטען.

די סטאַטיסטישע קאָמיסיע צו אונטערזוכען די ענדערונגען פון די אויסהאַלטונגס-קאָסטען, האט אויף דער נעכטיגער זיצונג אונטער'ן פאָרזיץ פון אינספּ. ואדלאווסקי פעסטגעשטעלט, אַז די טעגליכע אויסהאַלטונגס קאָסטען פון אַן'אַרבייטער-פאַמיליע פון 4 פערזאָן האבען אין מערץ בעטראָפען 3.97 זל., ד.ה. מיט 1.01 פראָצ. מער ווי אין פויריגען חודש.

אין קאַמף פאַר אונזער נאַציאָ-נאַלען קיום

ס'האט איינער אין דער גמרא געזאגט, אז גאָט האט געטהון מיט יודען א חסד וואס ער האט זיי צעשפרייט צווישען די גויים, פערוואָס ס'איז גראָד פאַר יודען אזא גרויסער חסד צו לעבען נישט ווי אלע נאָרמאַלע פעלקער אין אַן'איינגענעם קאָמפּאַקטען קיבוץ אונטער אַן'איינגענער ממשלה, נאָר דווקא צעזייט און צעשפרייט צווישען אַנדערע פעלקער—דאס איז שווער צו וויסען, גיכער ווי אלץ איז דער דאָזיגער בעל המאמר געווען איינער פון די אָפּטימיסטישע וואָרט-זאָגער, וואס בעמיהען זיך פאַסט-פאַקטום צו בערעכטיגען דעם געשאַפענעם צושטאַנד און איינפאַסען זיך אין איהם.

דאס יודישע פאָלק אליין, פאָלגענדיג דעם שטאַרקען אינסטינקט פון אליין אָפּהיטונג, האט געמאַכט א געוויסען קאָרעקטיוו צום דאָזיגען פּרינציפּ: ער האט אין דער דאָזיגער צושפּרייטונג זיינער געשאַפען קאָנצענטרירטע קיבוצים, אָדער געטאָס וואו יודען פיהלען זיך דאָרט פאַרט אנגענעהמער און בעקוועמער עפּעס אזוי ווי ביי זיך אין דער היים.

צושפּרייט, הייסט עס, און פאָרט צונעטוליעט איינער צום אַנדערן.

אָט אזוי האט די יודישע דיאַספּאָרע אין דער גאַנצער גרויסער וועלט פונאַנדערגעשלאָגען איהרע געצעלטען כמעט מיט א געוויסען חשבון, אז פון איין זייט זאָל מען זיין אַרומגערינגעלט מיט גוים, כמעט אומעטום א מיעוט צווישען א סך, און פון דער אַנדערער זייט זאָל דער דאָזיגער מיעוט לעבען אין א געדיכטער מאַסע צוזאַמען, אַטמענדיג אומעטום מיט היימישער יודישקייט.

ס'איז א פאַקט, אז ביי אַכציג פּראָצ. פונ'ם יודישען פאָלק אין דער גאַנצער וועלט לעבט אין די גרעסערע שטעדט, אין די רעזידענצען און אַנדערע כרכים פון פערשידענע מדינות.

דאס איז אוודאי נישט קיין צופאַל. אדרבה, מ'קען זאָגען, אַז אינ'ם היסטאָרישען פּראָצעס פון אויסבילדען גרויסע שטעדט, אָדער ווי מ'רופט עס: אַדורכפיהרען די אורבאַניסטיק, אין פערשידענע מדינות פון דער וועלט האבען יודען געשפּילט אַ היבשע פּיאָנערישע ראָלע, נישט ווייניגער בערך ווי די אַנדערע פעלקער.

דאס האבען יודען אינסטינקטיוו זיך געצויגען צו די נייע געשאַפענע צענטערס פון האַנדעל און אינדוסטריע, וואו זיי האבען געקענט, אויסנוצענדיג זייערע פעהיגקייטען, געפינען פּרנסה-מעגליכקייטען אין די אַרומיגע גרויסע גישט-יודישע קבוצים און גלייכצייטיג אָרגאַניזירען די היימישע ווינקעלעך פאַר דער גייסטיגער אויסלעבונג און פיזישער זיכערקייט.

דאס איז אַ כלל, וואס איז גילטיג נישט בלויז פאַר די לענדער פון דער יונגער יודישער איינוואַנדערונג, ווי: אַמעריקע, אַפריקע, אויסטראַליע און אַנדערע, נאָר אויך אפילו פאַר די אַלטע אייראָפּעאישע לענדער, וואו די ריזיגע יודישע ישובים אין די גרויסע שטעדט זענען אויסגעוואַקסען ערשט אין דער נייער צייט און טאַקי דורך די השפעות פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע, וועלכע האט די דאָזיגע שטעדט אַרומגעכאַפּט.

יודען זענען געווען די מיטטרעגערס פון דער דאָזיגער ציוויליזאַציע און האָבען זיך געפיהלט בערעכטיגט און בעמעכטיגט צו לעבען און איהר און פון איהר.

ס'איז, פערשטעהט זיך, אַ גרויסער חילוק צווישען דער בעטייליגונג פון יודען דאָ און דאָרט אינ'ם פונאַנדערבוי פון די ישובים.

אין ניו-יאָרק למשל, וואו אינ'ם קאָלירענרייכען נאַציאָנאַלען פּרצוף פון דער אָרטיגער בעפעלקערונג שפּיגעלט זיך אָב אויך די יודישע פאַרב, האבען יודען געשפּילט אַ ראָלע פיי אינ'ם פיזישען, סיי אינ'ם גייסטיגען אויפבוי פונ'ם דאָזיגען גיגאַנטישען כרך. מיר האבען דאָרט יודישע גובערנאַטאָרען, טונעל-בויערס, העכסטע ריכטער, פּאָליציאַנטען, גרויס-פינאַנסיסטען און שוואַרצע אַרבייטער. אַנדערש איז געווען דער יודישער אַנטייל אינ'ם פונאַנדערבוי פון וואַרשא, וואו די געשיכטע האט פאַר זיי אָנגעוויזען געוויסע בעגרעניצטע געביטען פון אַרבייט, אָבער אויך דאָ שרייט אַרויס די יודישע ענערגיע און איניציאַטיוו פון פערשידענע ווינקעלעך.

דאס לעבען גיט קיין זאַך נישט אומזיסט. אומעטום וואו יודען לעבען האבען זיי דערמיט אליין שוין זיך נוציג געמאַכט און בערעכטיגט זייער עקזיסטענץ.

אין דער אַלגעמיינער ראַם פונ'ם דאָזיגען אָביעקטיוון צושטאַנד דאַרפען זיך איצט אַנהויבען צייכענען די קאָנטורען טונ'ם ווייטערדיגען יודישען לעבען אין פוילען, וואו ס'גרפינען זיך כוחות, וועלכע ווילען דאס דאָזיגע לעבען רעגלאַמענטירען לויט זייערע סוביעקטיווע אינטערעסען און פאַרשטעלונגען. די מיטאַרבייטערשאַפט פונ'ם יודישען קיבוץ בעטראַכטען זיי נישט פאַר הילף, נאָר פאַר א שטער אין זייער אייגענער ענטוויקלונג, און זיי געפינען פאַר נויטיג צו געבען איהר א ווידערשטאַנד און טאַרמאַזירען ווי ווייט מעגליך, די יודישע אַקטיווקייט.

מיר וויסען נאָך נישט, ווי ווייט ס'וועט גרייכען זייער פערמעסט אין דער דאָזיגער ריכטונג, אין וואס ס'וועט זיך אויסדריקען זייער קאַמף געגען דער יודישער „קאָנקורענץ“, צי וועלען זיי בכלל ווידמען א בעזונדער אויפמערק דער אַקציע געגען יודען, אָדער זיי וועלען זיך בענוגענען מיט איגנאָרירען איהם און נישט בעמערקען ביי זייערע פערשידענע שריט פאַר דער ענטוויקלונג פון די שטעדט.

די פּראַקטיק פון די לעצטע יאהרען בעווייזט, אז אפילו ביים מאָבילזירען קענען אונז די סאַמע כפל-שמונה'דיגען „בערטעס“ פון אַנטיסעמיטישען אַרסענאַל האבען די טאַטעס פון דער להשמיד ולאבד'יגער ראַסע-סיסטעם נישט געקענט קיין סך משנה זיין דעם סדר-העולם פון די פערהעלטענישען אין די גרויסע שטעדט.

פּראָפעסאָרען ווערען לאַטוטניקעס, באַנקירען זוכען גראָשענדיגע פּרנסות, מענשען וואס זענען געשטאַנען אויפ'ן סאַמע שפּיץ פון סאָציאַלען לייטער, הויבען ווידער אָן פון פעדלצריי: אָבער „נצח ישראל לא ישקר“—דער יודישער געניוס בלייבט נישט אָבהענגיג ביי די שווערסטע בעדינגונגען פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

דער דאָזיגער גלויבען אין אונזערע אייגענע כוחות וועט אונז בעגלייטען אויפ'ן ווייטערדיגען וועג אין קאַמף פאַר אונזער נאַציאָנאַלען קיום.

פּ. ק.

די קרן קימת הכנסות אין טשענסטאכאוו אין ערשטען האלבען יאהר תרצ"ז

דורך די היגע אָרגאַניזאַציעס איז אין משך פון ערשטען האלבען יאהר תרצ"ז גצזאמעלט געוואָרען א סכום פון 3863.32 זל. לגבי 3742.65 זל. אין ערשטען האלבען יאהר תרצ"ו, דאס הייסט, אז די הכנסות האבען ארויסגעוויזען א שטייגערונג פון 120.32 זל.

פון דער יודענשטאַאַטס פּאַרטיי

שבת, דעם 10-טען אַפּריל פונקטליך 8.30 אָוונט קומט פאַר אין אייגענעם לאָקאַל ב. יאַסעלעוויטשא 9 א דיסקוסיע געווידמעט די אויפגאַבען צום בעפאָרשטעהענדען ציוניסטישען קאָנגרעס.

א בעריכט פון לעצטען צוזאַמענפאָהר אין וואַרשא אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָנגעהויבענער קאָנגרעס אַקציע וועט אָבגעבען דער ח' מ. רוזיעוויטש.

אלע חברים ות ווערען געבעטען צו קומען פונקטליך.

ספירה...

עס איז געווען באַלד נאָך יום-טוב, דער טאָג איז געווען אַ טריבער, ס'האט זיך נישט געגלוסט צו אַרבייטען. אָמבעסטען וואָלט געווען אין אַזעלכע טעג צו שלאָפען. שרייען אָבער די וועצער ס'זייערינע, האָב איך זיך לאָין ברירה אוועקגעזעצט ביים שרייב-טיש און גענומען די פעדער אין האַנד אריין, אָבער באַלד ביים ערשטען וואָרט: סטאָפ, נישטאָ וואָס צו שרייבען, ד. ה. וואָס צו שרייבען איז אפילו דאָ איבערגענוג, נאָר נישט אַלעס, וואָס איך וויל „קאָן“ מען שרייבען. זיץ איך און טראַכט וועגען עפּיס א טעמא און דערביי רעכען איך אויס, אַז יעדעס וואָרט, וואָס כ'וועל שרייבען זאָל זיין ווי געהעריג, נישט צו שאַרף און צו שפּיציג, קיינעם הס ושלום נישט בעריהרען א. א. וו. נאָר אַנ'אומגליק מיט מיר, ווי-נאָר די פעדער הויבט אָן צו סקריפּען איבער'ן פּאַפּיר, שפּרינגט אַרויס א קיילעכדיג וואָרט, וואָס קאָן אויסגעטייטשט ווערען ר"ל לתרבות רעות. אַזוי אָבער ווי די היינטיגע צייטען מוז מען זיין זעהר און זעהר פּאָרזיכטיג, בין איך טאַקי געזעסען און נישט געקאָנט אָנהויבען די אַרבייט. א נס איז געשעהן, וואָס פונקט דאַמאָלס האט זיך געעפענט די טהיר און עס איז אַריינגעקומען מיין שכן גרונם פּלטיאל.

— גוט מאָרגען — האָב איך איהם אָקעגען געטראָגען די בעגריסונג — גוט, וואָס איהר זענט געקומען, איך דאַרף האָבען א טעמא, וואָס זאָל זיין אַקטועל פאַר די היינטיגע צייטען און ס'זאָל זיין „דרוקפעהיג“. איהר, ליבער שכן, האט מיר שוין א סך מאָל אַרויסגעהאָלפען אין אַזעלכע סיטואַציעס, האָף איך, אַז אויך היינט וועט איהר מיר קומען צו הילף...

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און מיין שכן, וועלכער האט זיך באַלד אָריענטירט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, האט מיר געהייסען שרייבען אויף דער טעמא: „ספירה“. — וואָס — זאָג איך — „ספירה“, איך האָב שוין וועגען דער טעמא געשריבען פּאַראַיאָהרען, ווען איך האָב געהייסען צעהלען אונזערע צרות ופּרעניות, און נעמען נאָכאַמאָל דאָס איבערקאָכען, האָט נישט קיין זין.

מיין שכן אָבער האָט מיר געגעבען צו פערשטעהן, אַז פון פּאַראיאָהר ביז היינט איז פערהאָן אַזוי פיעל צו צעהלען, אַז מען דאַרף זיך דערפון נישט צוריקהאַלטען.

— זייט אַזוי גוט — זאָג איך צו מיין שכן — רעדט און איך וועל פערצייכענען, שפּעטער וועלען מיר זעהען, וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען.

— ספירה — זאָגט מיין שכן — הויבט זיך אָן פון פּסח און ציהט זיך ביז שבועות. פּאַקטיש אָבער דאַרף מען צעהלען אַ גאַנץ יאָהר און ווער שמועסט מיר יודען האָבען אוודאי צו צעהלען, אויב נישט קיין נצחונות, איז צרות. דער אומגליק איז אָבער, וואָס מיר צעהלען נישט בלויז דאָס, וואָס ס'קומט פאָר ביי אונז אין אונזער יודישען לעבען, נאָר מיר האָבען אויך ליעב צו צעהלען, וואָס עס קומט פאָר ביי יענעם, און טאַקי דערפאַר, פערגעסען מיר ווי מיר אַליין האַלטען אין דער וועלט.

ס פ י ר ה. מיר צעהלען און צעהלען, ווי לאַנג ס'דויערט שוין די ממשלה פון שכנות'דיגען מלכות הרשעה, וואָס איז דער אבות הטומאה, דער קוואַל פון דער אַנטיסעמיטישער כוואַליע, וואָס האָט זיך פערשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

ס פ י ר ה. צעהל די אַלע רעדעס, וואָס זענען געהאַלטען געוואָרען דאָס לעצטע יאָהר אין סיים דורך „אונזערע“ דעפּוטאַטען און צעהל אָב כאָטש איין רעדע, וואָס זאָל נישט זיין מיט יודען-האָס.

צעהל אָב וויפיעל קריסטליכע קונים ס'האָבען זיך נישט געלאָזט טעראָריזירען פון די פּיקעטניקעס און זענען אַריין אין יודישע געוועלבער. ס'וועט זיין קוים צו צעהלען אויף די פינגער.

צעהל, ווי לאַנג ס'דויערט שוין נאָך די וואַהלען פון די קהלה-אינסטאַנצען און פונדעסטוועגען איז נאָך דאָס פּרעזידיום נישט בעשטעטיגט.

צעהל, וויפיעל יודישע פאַבריקאַנטען נעמען נישט אין אַכט אין וואָס פאַר א סיטואַציע מיר יודען געפונען זיך און טראַץ אַלעם ווילען זיי נישט צונעמען קיין יודישע אַרבייטסלאָזע אין זייערע פאַבריקען.

צעהל, וויפיעל יודישע פּרנסות עס זענען צוגענומען געוואָרען דאָס לעצטע יאָהר, און איבערהויפּט וויפיעל קצבים עס זענען געוואָרען ברויטלאָז צוליעב דער „הומאַניטאָרער“ שחיטה.

צעהל, וויפיעל קריסטליכע בעזוכער עס קומען אין פּוילישען טעאַטער; די איבריגע געסט דאַרפסטו נישט צעהלען, ווייל אחינו הם, זיי זענען אונזערע ברידער.

צעהל, וויפיעל לינקע שוחטים עס זענען צוגעקומען זינט די קהלה האָט איינגעפיהרט די נייע רעפאָרם מיט די שחיטה-קוויטלעך אָבצורעכענען פון עטאַט.

צעהל, וויפיעל די יודישע נצרכים זענען געשטיגען היי-יאָהר אָקעגען אַנדערע יאָהרען. אויב דו ווילסט דיר איינשפּאָרען צו צעהלען, איז אָמבעסטען זיך צו ווענדען צו דער קהלה, „בית לחם“ אָדער „תומכי עניים“, זיי וועלען דיר שוין אויפגעבען די געהעריגע צאָהל.

צעהל, וויפיעל מאָל עס איז שוין פאָרגעקומען דער פּראָצעס צווישען דעם ה' גאַנזוואַ מיט דער חברה קדושא וועגען דער עקסמיסיע און האַלט חשבון, וויפיעל מאָל עס וועט נאָך אויסקומען זיך מיט דעם מטפּל צו זיין.

צעהל, אויב דו האָלסט שוין אין צעהלען, וויפיעל קעפּ פון יודישע סטודענטען ס'זענען צוהאַקט געוואָרען אויף די אוניווערזיטעטען דורך זייערע געבילדעטע חברים.

צעהל, וויפיעל שויבען ס'ווערען אויסגעהאַקט אין משך פון איין וואָך אין דער ווילנער שוהל. אונזערע שונאים זאָלען אַזוי קאָנען צעהלען, צו דו וועסט זיין אומשטאַנד אָבצוצעהלען.

צעהל, די יודישע קרבנות, וואָס זענען געפאַלען פון אַראַבישע טעראָריסטען און צעהל אויך אָב די הבטחות פון דער ענגלישער רעגירונג, וועלכע האָט צוגעזאָגט צו דערהאַלטען די רוה און אָרדנונג אין לאַנד.

צעהל... מחשבות'ן. ס'וואָלט געווען א פּלאַן אָבצוצעהלען, צו מיר האַלטען טאָקע ביים יאָהר 1937, אין א צייט פון די גרעסטע טעכנישע ערפינדונגען און אויפטהוען, אין א צייט, ווען דער מענשליכער וויסען האָט דערגרייכט דעם העכסטען פּונקט און פונדעסטוועגען וואָלט געפּאַסט, אַז מיר זאָלען האַלטען מיט טויזענד יאָהר צוריק... האַס און שנאה, רשעות און ווילדקייט, באַרבאַריזם און אכזריות בליהט און פערנעמט דעם אויבען אָן ביי דער היינטיגער וועלט און ביי אַנדערע וועלט-פיהרער. צי האָט מען זיך אפשר נישט אַמאָל טועה געווען מיט'ן צעהלען...

רבותי, וואו האַלטען מיר אין דער וועלט, צו דאַרף מען נישט אָנהויבען צעהלען פון דאַסניי—

ספירה...

סמאל

אַראַבער און יודען אין ארץ = ישראל

פון ד"ר ש. צמח

עס איז פערהאַן אַנ'אילוזיע, מיט וועלכער מיר האָבען ליעב זיך אָבצונאַרען: מיר האַלטען אין איין טענה'ן, אַז מיר מאַכען גליקליך דעם אַראַבער, מיר פערבעסערען זיין עקאָנאָמישע לאַגע און ווייזען איהם און דעמאָנסטרירען פאַר איהם די וועגען אין וועלכע ער דאַרף אונז נאָכגעהן. מיר ווייזען איהם, ווי מיר נעמען אַ ווילדען באָדען און מאַכען איהם רייך און פול מיט שפע. דער דאָזיגער אַרגומענט, ווי בעוואוסט, איז זעהר בעליבט ביי אַ סך ציוניסטישע אַגיטאַטאָרען. אָבער דאָס הייסט — אינגאַנצען נישט פערשטעהן פעלקער-פסיכאָלאָגיע, אויב מען האָט דעם גלויבען, אַז דאָס אויפווייזען ווי מיר זענען מצליח קאָן איבערצייגען אַ פרימיטיוו - פאָלק און מאַכען אוהם פריינדליך, דאָס טרעפט זיך זעלטען צווישען יחידים, אָבער דאָס געשעהט קיינמאָל נישט צווישען פעלקער. האָבען הצלחה הייסט נישט בעקומען אמת'ע גוטע פריינד. שטעלט אייך נאָר פאָר די אַראַבישע געפיהלען, ווען זיי זעהען יודען נעמען אַ ווילדען, פערלאָזענעם באָדען און מאַכען איהם קולטיווירט, בעבויט, בעפלאַנצט, בעוואַלדעט, בעוואַסערט, גרין און רייך — מיט פיצר-טויזענד-ליטערדיגע קיה, מיט ווייסע לעגהאָרן-הינער, מיט אַלע מינים גרינסען, מיט טראַקטאָרס און די מאָדערנסטע מאַשינען. דער ערשטער געפיהל איז אַ גרויסער פחד פאַר אַ נישט-פערשטענדליכען כח. דער דאָזיגער פחד ווערט נאָך פערשטאַרקט, ווייל דער פרימיטיווער מענש צייגט זיך איבער, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות אין חשבון. יעדער פרימיטיווער מענש האַלט דעם קולטורעלען פאַר לייכטזיניג, נישט בערעכענט. דער אַראַבער ווייסט גאַנץ זיכער, אַז ער האָט דעם יודען אָבגענאַרט. ער האָט איהם פערקויפט (און פאַר אַזאַ הויכען פרייז!) דעם ערגסטען באָדען: לויטער שטיינער, זומפען, זאַמדען, ווילד בעוואַקסענע ערד. דער קויפער (דער יוד) אַליין איז אין זיינע אויגען אַ שוואַכער, אומגעלומפּערטער מענש. קען נישט דאָס לאַנד, זיינע מנהגים, ליידט פון היץ, פערטראָגט נישט קיין רעגענס. און דער אַראַבער איז איהם אין האַרצען מבטל, לאַכט זיך אויס פון איהם, ער איז זיכער, ער וועט דורכפאַלען.

עס קומט אָבער די ווירקליכקייט. אַ ביטערע ווירקליכקייט, וואָס בעשטעטיגט נישט דעם דאָזיגען חשבון. אָט דער נישטיגער, שוואַכער, אומבעהאָלפענער גיי-אַנגעקומענער איז גובר אַלע שוועריגקייטען. די שטיינער ווערען אָבגערוימט, די זומפען ווערען אויסגעטרוקענט. צוזאַמען מיט דעם פרעמדען ווערט אַלץ פרעמד אַרום און אַרום. דער דאָזיגער ערשטער צוזאַמענשטויס מיט מענשליכען ווילען און מיט קולטור מאַכט אַ טיפען רושם אויף דעם פרימיטיווען איינוואוינער. ער זעהט פאַר זיך טייוועלשע כוחות. ער פיהלט פחד און הכנעה. אָבער גאַנץ געשווינד געהט איבער דער דאָזיגער געפיהל פון בעוואונדערונג — אין קנאה. הייסט עס, אַז דער פרעמדער האָט איהם דאָך אָבגענאַרט, ער האָט איהם בערויבט די אוצרות, וואָס זענען געווען בעהאַלטען אין זיין באָדען. און אַזוי ווי נאָכמאַכען איז נישט לייכט, איז דער איינציגער וועג — פיינט האָבען. פיינט האָבען נישט נאָר דעם נייעם מענשען, נאָר אַלעס, וואָס ער האָט בענייט און געשאַפען, פיינט האָבען זיין גאַנץ לעבען. און אין אַ טאָג פון גרויס אומרוה נעמט דער גייסט שלעכטער אַראַבער אַ האַק אין האַנד און האַקט אויס גרינע, לעבעדיגע בוימער, און זעהט אָפט אַפילו בוימער, וואָס ער אַליין האָט זיי געפלאַנצט ביים יודען.

דער דאָזיגער מצב הרוח, וואָס מאַכט מעגליך, אַז די פרידליכע בעפעלקערונג זאָל לייכט ווערען אויפגערעגט און ווערען ווילד אַגרעסיוו, ווערט אויסגענוצט דורך אַ בעוואוסטזיניגער, מערדערישער, מאָראַליש - צופוילטער אָבער שטאַרק איינגעוואָרצעלטער היסטאָריש, פערביסענער גרופּע אַראַבישע פעאָדאַלען, אָבער אַז מען רעדט פון די עפענדיס, דאַרף מען נישט מאַכען קיין פסיכאָלאָגישען אַנאַליז, צווישען זיי ווירקען ריין-עגאָאיסטישע צוועקען, זיי קעמפען פאַר גראָבער רעאַלער מעגליכקייט פון עקזיסטענץ. עס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז די יודישע ווירטשאַפט, און בעיקר די דאָרף-ווירטשאַפט, קומט אין טאָג-טעגליכער בעריהרונג מיט ברייטע שיכטען פון אַראַבישען פאָלק. ביסלעכווייז מוז דאָך דער געפיהל פון פרעמדקייט וויינינגער און קלענער ווערען. און אַז עקאָנאָמיש זענען די פאָלקס שיכטען נישט פעראינטערעסירט אָבצושטעלען די יודישע ענטוויקלונג אין לאַנד, מוז דאָך פריהער אָדער שפּעטער קומען צו אַנ'אינטימער צוזאַמענאַרבייט צווישען ביידע פעלקער. דאָס זעהען די פעאָדאַלען גאַנץ קלאָר. זיי קוקען זיך צו צום גאַנג פון דער געשיכטע און ציטערען פאַר פחד. ווייל זיי ווייסען, אַז די אַראַביש-יודישע פערשטענדיגונג וועט קומען איבער זייער קאָפּ און וועט אויסגעפיהרט ווערען איבער זייערע קערפּערס.

אין בין-הזמנים, אין רוהיגע צייטען, האַלטען די אַראַבישע פעאָדאַלען מלחמה איינער מיט'ן צווייטען פאַר דער העגעמאָניע איבער'ן אָרימען אַראַבער. אָבער יודישע ענטוויקלונג ברענגט זיי צוזאַמען אין איין קאָמיטעט, כדי צוזאַמען אָבצוּוואַרפען דעם בשותפות'דיגען שונא. איז אָבער אַ טעות צו גלויבען, אַז דער אַראַבישער קאָמיטעט בעשיצט נאַציאָנאַלע אידעען. עס איז אַ טעות צו גלויבען, אַז אויב דער אַראַבישער וועד עליון זאָל בעקומען אַ פּאָליטישע מאַכט, וועט ער זיין געגען ציוניזם. עס וואָלט געהייסען נישט קענען די פערדאָרבענע באַנדע, איהר צושרייבען הויכע אידעאַלען. דער אַראַבישער פעאָדאַל זעהט, אַז דער היינטיגער ציוניזם פיהרט נישט נאָר צו יודיש, נאָר אויך צו דער אַראַבישער בעפרייאונג אין ארץ-ישראל. ער איז דעריבער פעראינטערעסירט צו פערקנעכטען ביידע צדדים, נאַשאַשיבי וויל נישט פערניכטען דעם ציוניזם, ער וויל איהם אויסנוצען און בעהערשען. ער וויל זיין באַלעבאָס איבער דעם ציוניזם, מאַכען איהם אָבהענגיג פון איהם, מאַכען דעם ציוניזם זיין הויפּט-הכנסה, און דורכ'ן ציוניזם פערפעסטיגען זיין אייגענעם מצב. און ווען זיי זעהען, אַז די ענטוויקלונג פון יודישער טעטיגקייט אין לאַנד פיהרט נישט צו דעם, וואָס זיי ווילען, בעקעמפען זיי די דאָזיגע טעטיגקייט מיט אַלע מיטלען. זיי שטעלען אָב, דורך אָפטע בלוטיגע צוזאַמענשטויסען, דאָס קומענדיגע פריינדליכע צוזאַמענלעבען פון די ביידע פעלקער, פון איין זייט, און זיי נוצען אויס די דאָזיגע צוזאַמענשטויסען, וועלכע זיי אַליין האָבען אָרגאַניזירט, כדי צו בעקומען פּאָליטישע מאַכט אין לאַנד און הערשען אויך איבער'ן ציוניזם.

די לאַגע ווערט נישט דורך דעם דאָזיגען אַנאַליז לייכטער. זי ווערט שווערער און פערוויקעלטער. אויב ס'וואָלט געווען אַ מיספערשטענדניש, קאָן מען דורך אויפקלערען, איבערצייגען, אויב אָבער אַ בעוואוסטזיניגער לעבענס-אינטערעס נויט די אַראַבישע עפענדיס צו טהון דאָס וואָס זיי טהוען, צו רעדען וואָס זיי רעדען — מאַכט דאָך יעדער לאָגישער וויכוח די לאַגע נאָך פערוויקעלטער. מיר בעווייזען, אַז די אַראַבישע בעפעלקערונג האָט נישט קיין יסוד זיך צו בעקלאָגען אָדער אומרוהיג זיין. מיר זאָגען, אַז דער אָרימער אַראַבער ווערט ענטוויקעלט און זעלבסטשטענדיג דורך אונז. דאָס הייסט, זאָגען דעם מופטי, אַז מיר זענען דער הויפּט-פאַקטאָר, וואָס וועט בקרוב ברענגען אַ סוף צו זיין גאַנצער הערשאַפט איבער די אַראַבישע מאַסען אין לאַנד. וויל מען באמת מיט אַזאַ אַרגומענטאַציע איבערצייגען די אַראַבישע פעאָדאַלען? אויב די לעצטע אונרוהען זענען אַזוי עקשנות'דיג און אַזוי פערביסען, איז עס טאַקי דערפאַר, וואָס די אַראַבישע עפענדיס האָבען זיך טיעף איבערצייגט, אַז מיר זענען גערעכט, אַז מיר בעפרייען באמת די אַראַבישע מאַסען פון קנעכטשאַפט. און דעריבער מוז מען האָבען נישט צוויי-וואָכענדיגע אונרוהען, ווי אין 1929. דאָס איז נישט גענוג צו שאַפען דעם תהום צווישען די פעלקער. דאָס איז נישט גענוג צו מאַכען מיעד ענגלענדער און אַרויסרייסען ביי זיי פּאָליטישען איינפלוס. מען מוז האָבען אַ צושטאַנד פון פּערמאַנענטע אונרוהען, כדי צו זיין צוריק אויפ'ן פערד, און אפשר טאַקי אויף ביידע פערד — דעם אַראַבישען און דעם יודישען.'

אין ארץ-ישראל קומט איצט פאָר אַ קאַמף. ער וועט זיך נישט לאָזען פערגלעטען מיט זיסע רייד און מיט גוטע הבטחות. אַזוי לאַנג ווי די אַראַבישע פעאָדאַלען וועלען האָבען איינפלוס און השפּעה אויף דער אַראַבישער בעפעלקערונג, וועט קיין דויערענדיגער שלום דאָרט נישט זיין. זיי ווייסען גאַנץ גוט וואָס עס דערוואַרט זיי, ווען דער בויענדיגער ציוניזם וועט דערפאָלגרייך אָנפיהרען זיין אַרבייט. דאָס הייסט דאָך אַ יודיש-אַראַבישע פערשטענדיגונג אָהן זיי, איבער זיי, דאָס איז קלאָר די עפענדיס. עס איז אָבער נישט קלאָר גענוג אין ציוניסטישע קרייזען. פריהער אָדער שפּעטער וועט אָבער די גאַנצע ציוניסטישע בעוועגונג מוזען קומען צו דער איבערצייגונג, אַז איהר קאַמף איז אַ קאַמף אַראָבצוּוואַרפען די דאָזיגע רויבערישע קליקע, וואָס דריקט די אַראַבישע בעפעלקערונג, ווייל ס'האָט זיך געשאַפען אַ משונה'דיגע לאַגע. אמת, די אינטערעסען פון די אַראַבער זענען נישט געגען אונזער טעטיגקייט. אָבער אַנ'אָבגעשטאַנענע לעבען שאַפט נאַטירליכע געפיהלען פון מורא און פרעמדקייט. די פעאָדאַלען אין לאַנד, ווי שוין געזאָגט, נוצען אויס די דאָזיגע געפיהלען און פערגרעסערען די דאָזיגע פרעמדקייט, פערוואַנדלען זי אין אַנ'אַגרעסיווען כח פאַר זייערע אייגענע ענינים, איז דעריבער דער איינציגער אויסוועג, די איינציגע מעגליכקייט פאַר אַנ'אַראַביש-יודישער פערשטענדיגונג — בעפרייען די אַראַבער פון זייער איצטיגער השפּעה.

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס דער ציוניזם איז געניטיגט צו ווירקען פּראָגרעסיוו, אַ בעפרייאונגס-בעוועגונג מוז זי'ן אין איהר גאַנצען אינהאַלט דורכגעזאַפּט מיט ריין-מענשליכע אידעאַלען. אויב נישט, האָט זי נישט קיין זכות הקיום, עס וואָלט געווען אַנ'אומגליק פאַר'ן ציוניזם, ווען זיין פערווירקליכונג וואָלט איהם געפיהרט צו מאַכען פאַקטען מיט דעם מופטי און נאַשאַשיבי געגען דער אַראַבישער בעפעלקערונג. עס איז אָבער אַ גליק, אַז די ווירקליכקייט פיהרט אונז צו פיהרען אַ קאַמף מיט דער רויבערישער פעאָדאַלער הערשאַפט אין לאַנד. און אין דעם זיג פון דעם קאַמף זענען סיי די אַראַבער און סיי די יודען בלוטיג פעראינטערעסירט.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

עס איז אַוועק דער שענער פרייהייטס יום טוב פסח און ס'זענען אָנגעקומען די גרויע וואָכען טעג פון אַ גאַנץ יאָהר. צופיעל נייעס פון די וואָכען-טעג האָב איך נאָך נישט, וועל איך דעריבער מיין היינטיגען „וואָס געהערט וואָס געזעהן" ווידמענען די יום-טוב טעג, וועלכע זענען געווען „רייך" אין געשעהענישען און זאָל מען האָבען דעם איינדרוק, אַז מען אָטעמט נאָך מיט'ן יום-טוב, וועלכער איז אפשר נישט געווען קיין פרעהליכער, דערפאַר אָבער בעסער, ווי די וואָכען-טעג, וועלכע זענען גאָר פּאַסקודנע.

די קרימאַלאָווער חסידים האָבען יאָ אַ דעה...

אַ סך מענשען האָבען זיך געוואונדערט, פאַר וואָס גאַנץ פסח איז נישט געווען קיין איין שענער טאָג, כאָטש גערעגענט האָט אויך נישט און דאָך האָט די שווערע אַטמאָספערע געהאָנגען אין דער לופט, אַזוי ווי ס'וואָלט געדאַרפט רעגענען נאָר ס'קאָן נישט, אַזוי ווי אַ געהיימע האַנד וואָלט דערצו נישט צוגעלאָזט; פון דער צווייטער זייט ווידער בעט זיך דער רעגען אָדער שניי, אַז מען זאָל איהם לאָזען אַרויס אויף דער וועלט. טאָ ווער אַלזאָ וואָלט זיך געקאָנט פאָרשטעלען, אַז אין דעם זענען שולדיג די קרימאַלאָווער חסידים און אָט פאַרוואָס: אין ערשטען טאָג פסח ביים טל בענשען, האָט דער חזן אנשטאָט צו זאָגען „משיב הרוח ומוריד הטל", זיך פערפּלאָנטערט און געזאָגט „משיב הרוח ומוריד הגשם" און באַלד האָבען זיך די הימלען פערוואָלקענט.

שפּעטער, ווען מען האָט דאָס קאָמענטירט אין דער גאַס צווישען חסידים, האָבען אַ טייל חסידים פון אַנדערע ראיים געוואָלט די קרימילאָווער מבטל זיין, זאָגענדיג, אַז זיי האָבען נאָך נישט די גאַנצע דעה אין הימעל, און אויב אַנדערע יודען האָבען געזאָגט „מוריד הטל" וועט בעשטימט זיין שעהן. ווי ס'ווייזט אָבער אויס האָבען די קרימילאָווער חסידים יאָ שטאַרקע פלייצעס אין די הימלען... אמת, זיי האָבען נישט געפועל'ט, אַז ס'זאָל רעגענען, אָבער פערוואָלקענט איז געווען. אַ שטיקעל דעה ווי ס'ווייזט אויס האָבען זיי פאָרט...

אַ שטיקעל רעפאָרם אין דער שטאָדט-שוהל

איך וויל דאָ איצט דערצעהלען וועגען די רעפאָרמען וואָס ווערען לעצטענס איינגעפיהרט אין דער שטאָדט-שוהל.

קודם כל האָט דער קהלה-פּרעזעס פעראָרדענט, אַז דער חזן זאָל בעת'ן דאַווענען טראָגען אַ זיידענעם כאַלאַט ככתוב, אַז ס'זאָל מאַכען דעם געהעריגען איינדרוק. אויך זאָלען די שמשים טראָגען ספּעציעלע כאַלאַטען און קאַפּלעך אויפ'ן קאָפּ, דאַן האָט נאָך איינער פון די מתפללים איינגעפיהרט אַ נייעס אין דער שטאָדט-שוהל, וואָס האָט אַרויסגערופען אַ צושטימונג פון אַלע דאַווענער. דער ה' ב—קי, וועלכער האָט געהאַט יאָהר-צייט שביעי של פסח, האָט געלאָזט מאַכען אַ ליכט פון האָלץ, זעהר שעהן, עסטעטיש אויסגעפיהרט, עס פעראייניגט מיט עלעקטריע און אַוועקגעשטעלט ביים ארון קודש און פון הינטען אַריינגעריקט אַ טאַוועלע מיט'ן נאָמען פון דער פערשטאָרבענער. דאָס דאָזיגע ליכט האָט ה' ב. אַוועקגעשענקט דער שוהל און אַלע מתפללים, וועלכע וועלען האָבען יאָהר-צייט, וועלען דערמיט יוצא זיין אנשטאָט אַ נשמה-ליכט זיי וועלען נאָר דאַרפען אין צו דעם בעשטימטען קעסטעלע אויפשרייבען דעם נאָמען פון זייערע פערשטאָרבענע עלטערען און יוצא.

און אויב מען רעדט שוין פון דער שטאָדט-שוהל, איז כדאי אויך צו דערצעהלען, אַז כאָטש ס'איז אויף יום טוב נישט געווען קיין כאָר (עלעהיי די אַריסטאָקראַטען אין דער נייער שוהל האָבען שוין אַ סך יאָהרען נישט קיין כאָר), פונדעסטוועגען איז דער עולם צופרידען געווען, מחמת דער חזן ה' כאַלעוואַ, האָט מרעיש עולם געווען מיט זיין קול חזק ונעים, און די ווייבער האָבען אין דער „עזרת נשים" זיך געלאָזט הערען... דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז דער חזן ווירקט אויף זיי; אָבער נישט בלויז אויף די ווייבער, נאָר אויך די מענער מתפללים זענען געווען זעהר צופרידען פון דעם שטאָדט חזן. אויב מען קאָן פאַרוואַרפען עפּעס אין דער שטאָדט-שוהל, איז עס די גבאים, וועלכע האָבען לעצטענס איינגעפיהרט אַ רעפאָרם, אַז בעת ס'קומט צו הזכרת נשמות, זענען זיי מזכיר נישט בלויז די מתים פון היגען בית-עולם, נאָר אויך מתים, וועלכע געפינען זיך אויף די בית עולמ'ס פון גאַנץ פּוילען און דאָס דויערט אַוועק שעה'ן גאַנצע, אַזוי אַז די לעבעדיגע מתפללים ווערען אויך דערוויילט טויט... הונגעריג.

ס'איז נישט אַזוי ווי אַמאָל...

ערשט נישט לאַנג איז עס געווען. אין די פסח'דיגע זעלנער קוכען איז געווען איינגעפיהרט אַ מנהג, אַז דעם לעצטען טאָג, אחרון של פסח, איז געוואָרען איינגעאָרדענט אַ געזעגענונגס-מיטאָג, מען האָט איינגעלאַדען „נאַטשאַלסטוואָ", פאָרשטעהער פון דער יודישער געזעלשאַפט און געפּראַוועט אַ מיטאָג כדבעי למהוי, מיט וויינען, משקאות, פאָטאָגראַפען, מיט כאָר'ן, אַרטיסטישע אַטראַקציעס אַזוו. אַזוו. היינט אָבער איז פון דעם אַלעם נישטאָ קיין שפור, אָרעם איז די זעלנער-קוך ד"ה צו עסען גוט מען פאַר זיי אָן גענוג, נאָר ס'קומען נישט מעהר פאָר די פייערליכע פאַראַדען וואָס אַמאָל.

ווער איז אין דעם שולדיג? מסתמא די צייט, עס בלאָזען אַנדערע ווינטען, און אָט די דאָזיגע קאַלטע ווינטען זענען גורם, אַז ס'זאָל זיין אַזוי ווי ס'איז... פונדעסטוועגען פּטור בלא כלום איז מען אויך נישט, אויב מען קאָן נישט מאַכען קיין פייערליכע צערעמאָניעס, מאַכט מען עס בעשיידען, אויב מען גיט נישט צו טרינקען קיין כרמל-וויין, בעגניגט מען זיך מיט אַ געזעגענונגס רעדע.

ביים אַנהויב — דאָס הייסט ביי די ערשטע סדר-נאַכט, האָט ד"ר וויזענפעלד אַלס געוו. אָפיציר פון פּוילישען מיליטער און מיטגליד פון „ושוב" בעגריסט די יודישע סאָלדאַטען און דערביי געהאַלטען אַ רעדע וועגען דער הגדה און יציאת מצרים, און אויך ביים לעצטען מיטאָג האָט דער זעלבער ד"ר וויזענפעלד זיי געזעגענט.

די רעדעס פון ד"ר וויזענפעלד זענען געווען זעהר זאַכליכע און אינהאַלטסרייכע, עס איז אָבער פאָרט נישט אַזאַ פאַראַד-בעוועגונג ווי ס'איז געווען אַמאָל...

מען מעג אַמאָל מאַכען אַ וויץ...

ס'טרעפט זעלטען, אַז די „טשענסטאָכאָווער-צייטונג", אַלס אַ וואָכענבלאַט, זאָל פּונקט ערשיינען אין טאָג, ווען ס'פאַלט אויס דער ערשטער אַפּריל, האָט אָבער היי יאָהר אַזוי יאָ געטראָפען, וואָלט דאָך דעריבער געווען אַנ'עולה, אַז מען זאָל עס נישט אויסנוצען און דערצעהלען אַ נישט-געשטויגענע און נישט-געפלויגענע מעשה, זענען אָבער אַזעלכע שווערע געדריקטע צייטען, אַז ס'גלוסט זיך נישט צו מאַכען קיין וויצען, אַדורכלאָזען אָבער אַזאַ געלעגענהייט קען מען פאָרט נישט. הכלל, האָט מען זיך אַוועקגעזעצט און געטראַכט וואָס צו מאַכען, און אויפ'ן מח זענען געקומען פערשידענע איינפאַלען: וועגען אונזער קהלה קדושה, וועגען אונזערע כלל-טהוער, וועגען די פּיקעטען, וועגען אונזער שכניש לאַנד. מילא, ס'פעהלט וועגען וואָס צו שרייבען. דאָס אַלעס איז אָבער נישט געווען קיין טעמא, ווייל וועגען דעם אַלעם טאָר מען זיך אַפילו קיין וויץ נישט מאַכען, האָט מען אויסגעטראַכט אַ זייטיגע מעשה וועגען אַ גר, אַ פראַנצויז, אַנ'אייניקעל פון די מאַראַנען, וועלכער וויל איבערגעהן צום יודענטום און אין דער קהלה וועט פאָרקומען דער ברית.

זעהט איהר, רבותי, ווי נאַאיוו אונזערע יודען זענען, וועלכע גלויבען, אַז אַ אינזשיניער, וועלכער איז אַ קריסט, וועט פּלוצים משוגע ווערען און זיך וועלען לייגען מיט אַ געזונטען קאָפּ אין אַ קראַנקען בעט אַריין און זיך מגייר זיין. צעהנדליגער מענשען זענען געקומען אין קהלה אַריין בייוואוינען דעם ברית און ס'זענען געווען אַזעלכע נאַאיווע, וועלכע האָבען אַפילו אין עטליכע טעג אַרום אַלץ נאָך געגלויבט אין דער ריכטיגקייט פון דער דאָזיגער מעשה.

מאַנכע האָבען אַפילו געהאַט תרעומות, פאַרוואָס מען ערלויבט זיך היינטיגע צייטען אויף אַזעלכע שפּאַסען. אָט די יעניגע ענטפער איך: טאַקי דערפאַר, ווייל אונזער לעבען איז לעצטענס אַזוי אָנגעשטרענגט, אַזוי פערביטערט, מאַכט נישט אויס, אַז מען מאַכט אין שעת-הכושר אַ שטיקעל וויץ.

מיט די „פרעהליכע קבצנים" איז גאָרנישט אַזוי פרעהליך...

די לעצטע טעג יום טוב איז אין היגען קינאָ „סטילאָווי" דעמאָנסטרירט געוואָרען דער גוט-וואָס אויסגעפערטיגטער יודישער פילם: „פרעהליכע קבצנים" מיט די בעוואוסטע אַרטיסטען דזשיגאַן און שומאַכער בראש.

ד"ר ש. שטענדיק

קינד און פארשול

בלויז די שטאדט וויען—א דאנק פראפ. טאנדלער—האט פערשטאנען דעם טיעפען זין פון דער פעדאגאגישער לאזונג „א פארשול פאר אלע קינדער" און האט באמת איהם פערווירקליכט; גאנצע הונדערט פראצענט קינדער בעזוכען אין וויען די פארשול. אין פוילען איז נאך גאנץ ווייט צו דעם.

די קינדער-פסיכאלאגיע, וועמען קאץ, שטערן און קלאפארעד האבען געווידמעט לעבענסלאנגע שטודיעס, האט פעסטגעשטעלט, אז די פריהסטע קינדהייט איז א פערמאכטער און אבגעזונדערטער צייט-אבשניט אין מענשענס לעבען.

דער דאזיגער צייט-עלטער איבט אויס אנ'אונגעהויער וויכטיגען איינפלוס אויפ'ן גאנצען צוקונפטיגען לעבען פון קינד. דעם קינד'ס פערזענליכקייט געשטאלטעט זיך אונטער די ערשטע אויסערליכע פאקטארען, וואס עס בעקומט אין זיין ערשטער קינדהייט. עס איז א בעקאנטע זאך: דאס קינד ענטוויקעלט זיך דאך נישט אליין, סתם אזוי, נאר ווערט בעווירקט און בעצוואונגען דורך אויסערליכע בעדינגונגען, וואס זענען די קאנקרעטע דערציהונגס-פארמען פון יונגען קינד? שפיל און נאכאמונג. אין את די בעשעפטיגונגען פיקט זיך אויס דעם קינד'ס כאראקטער. דא — בעקומט דאס קינד לעבענס-דערפאהרונג, עס לערנט זיך אליין און דעריבער זענען נישט גערעכט יענע, וואס שפאטען עטוואס פון קינדערישע שפילען. פונקט פערקעהרט, מיט'ן גרעסטען דרך-ארץ דארף מען זיך צו דעם בעציהען.

דאס קינד אין פארשול-עלטער ווערט בעווירקט דורך אייגענע אינסטינקטען. ס'איז שווער איהם צו בעפעהלען, ער מוז אינסטינקטיוו אויספולען די געגעבענע פונקציע און די נאטירליכסטע פונקציע איז שפיל. מוזען דעריבער אלע, וועלכע קומען אין בעריהרונג דאמאלס מיט'ן קינד, אכט לייגען, אז אלע שעפערישע כחות און די גאנצע אנגעזאמעלטע ענערגיע, וואס דאס קינד פערמאגט, זאל אויסגעלאדענט ווערען אין שפיל פארמען.

איין זאך טאר אבער נישט פערגעסען ווערען: דאס קינד איז אין גרונדגענומען אנ'עגאצענטריש בעשעפעניש.

די עטישע דערציהונג טאר באלד אין ערשטען לעבענס-טריט נישט באגאטעליזירט ווערען. נישט מאראליזירען, נאר אויפקלערען און עטיש ריכטען זיין לעבענס-טאקט. א דאנק צוויי עלעמענטען דערציהט זיך דאס קינד: א דאנק זיין אייגענע, געבוירענע פעראינטערעסירונג, און א דאנק דעם עלטערן איינפלוס, אויב נאר ער בעמערקט ביי זיי אויפריכטיגע ליבע און צוגעבונדענקייט.

ס'קומט אן שפעטער א צייט, ווען דאס קינד הויבט זיך אן צו פעראינטערעסירען מיט דער אויסערליכער וועלט, דאס קינד טרעט אריין אין א צווייטער דערציהונגס-פאזע — זיין ארט קען ער דאמאלס געפינען אין דער פארשול, אין דעם א. ג. קינדער-גארטען. דארט טרעטען פאר איהם אויף לעבענס-מוסטערען און דא איז שוין זיין אויפפיהרונג פערבונדען מיט שוועריגקייטען און מניעות. אהן א שטענדיגען קאנטאקט מיט דער היים וועט קיין שום דערציהערין נישט אומשטאנד זיין די דאזיגע מניעות בייצוקומען.

2

אויך זיין פיזישע דערציהונג טאר אין דעם זעלבען צייט-עלטער נישט באגאטעליזירט ווערען. איבריגענס איז נישט מעגליך איינס פון צווייטען אבצוזונדערען. דאס זענען צוויי געביטען, ענג צוזאמענגעבונדען. בלויז דאס געזונטע קינד קאן זיך באמת גייסטיג פריי ענטוויקלען, עס קאן אויסנוצען זיינע אלע שעפערישע כוחות — וועגען קראנקען קינד איז בכלל נישטא וואס צו רעדען, ס'פערלאנגט א ספעציפישע אייגענארטיגע דערציהונג.

מיר דא אין פוילען זענען שטארק ארים אין קינדער-גערטנער. מ'האט עס געהאלטען פאר א לוקסוס און אין דער אמת'ן איז עס פאר אונז א לעבענס-נויטווענדיגקייט, בפרט נאך אין די גרויסע אינדוסטריע-צענטערן, ווי קינדער געפינען זיך א גאנצען טאג אונטער א צופעליגער און נישט שטענדיג צוגעפאסטער אויפזיכט. מיר טארען נישט דערלאזען, אז דאס קינד זאל שעפען זיין וויסען און קענטעניסען פון דער גאס. מיר מוזען אלערליי זייענע אויסערליכע אבסערוואציעס לענקען אין דער פאר אונז בעקוועמסטער ריכטונג. אודאי טארען אזעלכע זאכען נישט געמאכט ווערען ברוטאל. דאס קינד טאר פשוט נישט פיהלען אונזער רעזשיסארישע האנד. עס דארף זיך איהם אויסדוכטען, אז אלץ קומט פאר אט אזוי נאטירליך און קיינער אינטערוועניר נישט לטובת עמיצען.

די פארשול-ערציהונג האט פאר זיך זעהר פיעל דאנקבארע געביטען. דאס קינד קאן זיך דא אויסלערנען סאליד רעדען. עס דארף זיך צוגעוויינען נישט איבערצו'חזר'ן פיעל מאל די זעלבע פראגע. נישט צו בענוצען ווערטער, וועלכע ס'פערשטעהט נאך נישט און נישט סתם אונטערצוזינגען זיך בעת עס קומט פאר אנ'ערנסט געשפרעך. די פארשול-לעהרערין, דערצעהלענדיג די קינדער פערשידענע מעשיות, מוז שטענדיג אין זינען האבען, אז מ'מוז שוין דא בערייכערען דעם קינד'ס האריזאנט און זיין לעבענס-אויפפאסונג. עס טאר נישט פערגעסען ווערען די עסטעטישע ערציהונג, וועלכע געהט צוזאמען מיט דער מאראלישער ערציהונג און דוקא אין דער פארשול איז דאס אמגרינגסטען אדורכצופיהרען, ווייל דאס קינד איז נאך מיט גארנישט פער'סמ'ט. עס גלויבט און לאזט זיך נאך לערנען...

טשעקאווע ידיעות

וואס וועט אבקאסטען די ענגלישע קרוינונג?

נישט פערהאנען היינט קיין שום צייטונג אין דער וועלט, וואס זאל נישט ברענגען יעדען טאג קיין סענסאציעס איבער דער קרוינונג פונ'ם ענגלישען קעניג, וואס וועט פארקומען דעם 12 מאי היינטיגעס יאהר. אלע בלעטער זענען פול מיט ידיעות איבער פערשידענע ענינים פון דער קרוינונג. מ'ווייסט שוין היינט גענוי, וויפיל געסט עס וועלען קומען פון אויסטראליע און וויפיל פון די אינדישע פירשטענהייף, ווייל די דאזיגע געסט פון די ווייטע מקומות זענען שוין ארויסגעפאהרען פון דער היים און מ'ווייסט שוין כמעט אויף גענוי, וויפיעל פרעמדע מענשען ס'וועלען בכלל זיין בשעת דער קאראנאציע אין לאנדאן.

די אפיציעלע שטעלען רעכענען אויף אנ'ערך 160 טויזענד אויסלענדישע געסט, דערונטער די העלפט פון מעבר לים און די אנדערע העלפט פון די ארומיגע אייראפעאישע מדינות. אודאי רעש'ן זיך דערמיט די האטעלען און די רעסטאראנען, זיי העכערען די פרייזען און גרייטען אן כל-טוב, בכדי די געסט זאלען זיך ביי זיי גוט פיהלען.

די גרעסטע זארג דערפון האט אבער דער אויבער-קאך פונ'ם ענגלישען הויף. מעהר ווי אכט-טויזענד מענשען פון ארבע פנות העולם זענען פערבעטען צו דער חתונה. מלכים ושרים פון אומעטום וועט מען מוזען מפרנס זיין אנ'ערך צוויי וואכען, טאקי ממש על שלחן המלך. מ'קען זיך פארשטעלען, אז דאס איז נישט אזא לייכטע זאך בפרט אז צווישען די דאזיגע געסט זענען פערהאנען טויזענדער אויסטערלישע פערשוינען, וואס מ'מוז זיי געבען עסען כמנהגם, לויט די זיטען און שפייזען, ווי זיי זענען געוואוינט צו עסען אין דערהיים. אודאי מוז מען דערצו האבען ממש „א מיניסטער-קאפ" מ'זאל דאס געדענקען און א ממון קורח מ'זאל עס קענען דורכפיהרען...

אבער אויף וויפיעל די ענגלישע מלוכה וועט האבען הוצאות ביי דער קרוינונג, איז עס נישט צו פערגלייכען צו דעם סכום פון הוצאות, וועלכע ס'וועלען האבען די געסט נופא. יעדער וועט זיך מוזען מיטנעמען א היבשע אפותיקא, אויב ער איז פערבעטען צו דער חתונה.

קודם כל די קליידונג. ס'איז פערהאנען א גאנץ גענויע בעשרייבונג, וואס יעדער האט אנצוטהון צו דער חופה און צום עסען און יעדער מוז גענוי זיין אזוי אנגעטהון ווי די צערעמאניע שרייבט עס פאר.

דאס מייסטע געלד וועלען אבקאסטען די טאאלעטען פון די פרויען. א פשוט'ע ליידי, פון וועלכע נור גאנץ ווייניג זענען איינגעלאדען, טראגט א קלייד בעפוצט מיט הערמעלין אין דער ברייט פון צוויי מיט א האלבען צענטימעטער (מעהר טאר עס נישט האבען ווי צוויי מיט א האלב צענטימעטער).

אזא קלייד קאסט אויס א בעסערען שטאף לכל הפחות 240 פונט. ס'זענען אבער אויך פערהאנען נישט עכטע הערמעלינען (געמאכט אויס כינעזישע האזען), אזא קלייד קאסט בלויז 122 פונט. בעראנעסען, וויסקאמטעס, גרעפינס או הערצאגינס מוזען טראגען עכטע הערמעלינען. אויך פאר זיי איז גאנץ גענוי פארגעשריבען ווי ברייט די הערמעלין-פארברייטונג מוז זיין.

די הערצאגין מוז טראגען א הערמעלין-קראגאלע איבער'ן קלייד, וואס קאסט אליין 320 פונט. דערצו דאס קלייד 80 פונט, דער גורטעל 5 פונט, די קרוין 20 פונט, הענדשקעס, שיך, זאקען און אלעס ארום און ארום, קען מען רעכענען מיט 430 פונט, וואס יעדע הערצאגין וועט מוזען אויסגעבען.

אויך די מענער וועלען מוזען אויסגעבען א הון רוב, אויב זיי האבען נישט בעהאלטען די מלבושים פון דער לעצטער קרוינונג. סאמעטענע הויזען, א דריי-שפיציגען הוט, שיך, הענדשקעס, קאסטען אב לויט דעם ראנג פונ'ם גאסט פון 70 ביז 140 פונט.

דערצו קומען נאך די פערשידענע ארטיקלען, וואס יעדער קויפט לזכרון. אין ארכיוו איז פערהאנען א ליסטע פון די ארטיקלען, וועלכע פערשידענע לענדער האבען פערקויפט ביי די לעצטע קרוינונגען.

עס איז גישט פערהאנען קיין שום ארטיקעל, אין וועלכען ס'זאלען נישט זיין איינגעוועבט אדער פערארבייט די בילדער פון דעם געקרוינטען פאר. אלע לענדער פון דער וועלט זענען פערבעטען געווארען צו פאבריצירען שעהנע ארטיקלען און זיי צו פערקויפען לזכרון ביי דער קרוינונג. מ'האט געוואלט, אז אלע אינדוסטריען פון דער גאנצער וועלט זאלען מאכען א גוט געשעפט. אויך צו דער איצטיגער קרוינונג זענען צוגעלאזט אהן צאהל אלע אינדוסטריע-ארטיקלען פון אלע לענדער, וואס ארבייטען אויס אנדענק ארטיקלען צוליב דער קרוינונג און אומעטום האפט מען אויך צו מאכען א גוט געשעפט ביי דער דאזיגער גרעסטער פעראנשטאלטונג פון די לעצטע 25 יאהר, וואס וועט אריינברענגען — ווי פאכלייט פערזיכערען — מעהר ווי צוואנציג מיליאן פונטען אויפ'ן עולם המסחר פון אלע לענדער פון דער גאנצער וועלט.

ז. האבער, וויען.

דער יודישער עולם איז געלאפען מאסענווייז אויף דעם פילם, זיי האבען אבער געהאט א גרויסע ענטוישונג, אנשטאט זיך צו פרעהען, האט דער עולם געוויינט אויף די פאר אויסגעגעבענע גראשען און אויף דער פערלוירענער צייט, וואס זיי האבען גע'פטר'ט, זיצענדיג אויף דעם חלשות'דיגען פילם.

חברים דזשיגאן-שומאכער! זיצענדיג אין קינא און זעהענדיג די דאזיגע נארישע מאכערייקע, האט מיר ס'פנים געפלאמט פאר חרפה. ווי דערלויבט מען זיך—האב איך זיך געטראכט—אויף אזא הפקרות, איהר זענט דאך עפעס ארטיסטען מיט פרעטענציעס אויף קולטור, מיט פערשטענדניס פאר דער ביהנע, טא וואס טהוט זיך עפעס מיט אייך, ווי ערלויבט איהר זיך אויף אזא קאמפראמיטאציע?! גלויבט מיר, ווען ס'וואלט געווען מעגליך, וואלט איך אייך ביי די אויערען אראבגעשלעפט פון דער ביהנע און אייך אריינגעזאגט א פאר ווערטער למען ידעו, ס'זאל אייך נישט פערגליסטען צו מאכען חוזק פון מענשען.

דאס בעסטע וואלט געוועזן, ווען איהר פערבאט בכלל דעם דאזיגען פילם צו דעמאנסטרירען, דאן וואלט איהר נאך אפשר געראטעוועט אייער פרעסטיזש, ווייל געלד פערלוירען, איז נאך נישט אלץ...

יא, מיט די „פרעהליכע קבצנים" איז גאר נישט אזוי פרעהליך...

לעבעדיג און פרעהליך

דערפאר אבער האט דער יודישער טעאטער-עולם געהאט גרויס הנאה פון דער יודישער טרופע, וועלכע האט דא גאסטראלירט יום טוב.

נישט קוקענדיג דערויף, וואס מיר האבען געהאט א פאטאלען פאר יום טוב, איז דאך דאס טעאטער געווען פול, דער עולם האט זיך זעהר גוט געוויילט און שטארק אפלאדירט די טרופע מיט דעם הויפט-ארטיסט דזשעק רעכצייט.

ס'וואלט אבער ביי דער געלעגענהייט נישט געשאדט אויפמערקזאם צו מאכען די דירעקציע פון דעם פייערלעשער זאל, אז איידער די פארשטעלונג הויבט זיך אן, זאל מען די ביהנע אויסקעהרען, ווייל אויב מען שפילט אנ'אפערעטע מיט געזאנג און מענץ, געהט בעת'ן טאנצען א קורזש, אז ס'הויבט אן צו בייסען אין דער נאז. איך מאך די דאזיגע בעמערקונג, כדי אין דער צוקונפט זאל דאס אויסגעמיטען ווערען, ווייל ס'איז באמת נישט שעהן, ווען דו זיצט אין טעאטער און פון דער ביהנע געהן אויף וואלקענעס שטויב גלייך דיר אין מויל אריין.

די פארשטעלונגען אבער זענען געווען פיינע, דער עולם האט זיך געוויילט, עס איז געווען לעבעדיג און פרעהליך.

זיי האבען אבגעשאכטען אויף כשר...

אונזער יודישער קצבים-צעך אין טשענסטאכאוו האט דעם חול-המועד געהאט זייער אלגעמיינע פערזאמלונג און ס'איז דארט פארגעקומען א גאנצע איבערקעהרעניש. זיי האבען אראבגעזעצט די אלטע פערוואלטונג מיט די סטארשעס און אויסגעוועהלט א שפאגעל נייע פערוואלטונג מיט סטארשעס, מיט הכל בכל. מיט איין ווארט—א גאנצע איבערקעהרעניש.

ביי אונזערע קצבים געהט עס אבער נישט אזוי לייכט אדורך, כאטש ווען מען זאל וועלען אויפדעקען די הינטער-קוליסען, וואס טהוט זיך ביי זיי אן, וואלט עס געווען—אבער כ'וויל נישט מישען אין די גראשען... קורץ, שוין א לענגערע צייט, זייט ס'קומט פאר א גרויסע מחלוקה צווישען די כשר'ע מיט די טרפה'נע קצבים, כ'וועל אייך דערצעהלען א סוד, אז אפילו אין די אינסטאנצען פון דריטען צד זענען פערהאנען געווען מסירות (זיי האבען זיך אויסגעלערנט, ווי ס'ווייזט אויס, פון אונזערע כלל טהוער...), אבער אנ'אומגליק מיט מיר. נישט ווילענדיג כאפט זיך מיר ארויס א ווארט, וואס כ'וואלט גערן נישט געוואלט. קורץ, די קצבים האבען געמאכט א רעוואלוציע און אויף דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג האבען זיי אויסגעקליבען א פערוואלטונג און א סטארשע פון סאמע טרפה'נע קצבים. הויבען זיך אן פראטעסטען און מען שמועסט, אז—אבער וואס מען שמועסט איז מיר שוין נישט אינטערעסאנט. דער עיקר, אז דאס רוב קצבים האבען דערווייל אבגעשאכטען אויף כשר...

דער אמת'ער קריעת ים סוף...

שביעי של פסח, פונקט דאמאלס, ווען יודען דארפען געהן אין שוהל אריין דאווענען, איז זיך ר' אברהם גאנזווא צוזאמען מיט זיין גאנץ בני-בית אוועק אין געריכט, כדי ארויסצובעקומען אנ'עקסמיסיע אויף דער חברה-קדושא, פאר דער „חוצפה", וואס זיי ערלויבען, אז די „תומכי-עניים" זאל דארט פערטיילען ברויט מיט חלות פאר די ארימע בכבוד'ע יודען.

ס'פערשטעהט זיך, אז אויך מצד דער חברה-קדושא האבען עטליכע יודען, וועלכע טרעטען ארויס אלס עדות, געמוזט געהן צו קריעת ים סוף אין געריכט אריין, ה' גאנזווא, וועלכער וויל מיט אלע כחות אבער ארויסבעקומען אנ'עקסמיסיע, האט אנדערש נישט געוואלט, נור אז די יודישע עדות, ארענטליכע רעליגיעזע יודען, זאלען זיך אין יום טוב אוועקשטעלען שווערען. דער אדוואקאט פון דער פערטיידיגונג האט אבער אויפגעוויזען, אז שווערען אין יום טוב איז נישט ערלויבט לויט דער יודישער רעליגיע. ה' גאנזווא, דער „שטרענג-רעליגיעזער" יוד, איז אבער דערויף נישט בעשטאנען און האט געפאדערט דוקא, אז די יודען זאלען יא שווערען. זעהענדיג אבער, אז ער וועט גארנישט מאכען, האט מען דעם פראצעס אבגעלייגט שוין צום פיערטען מאל.

מען קאן נישט זאגען, ה' גאנזווא פיהרט זיין ארבייט קאנסעקווענט, ער איז נישט אזוי ווי פרעה, וועלכער האט די יודען נישט געוואלט ארויסלאזען פון מצרים, נאר ער וויל, אזוי ווי די אנטיסעמיטען, די יודען פטור ווערען. און אויך דא וועט מוזען געשעהן א נס. אזוי ווי דאמאלס, ביי קריעת ים-סוף...

דעם „קרן" אויף דער באק און דער ריוח?...

אין שטיבעל אויף פילסודסקי גאס 31 איז צווישען שחרית און מוסף געקומען א יוד כאדא זאגען א דרשה וועגען דער גרויסער אויפגאבע, וואס עס האט דער „קרן-קימת" און דערביי האט ער מעורר געווען דעם עולם, אז זיי זאלען מנדר זיין ביי די עליות אויפ'ן דאזיגען צוועק.

צווישען די מתפללים זענען אבער געווען אזעלכע, וועלכע זענען געגנער פון „קרן-קימת", האבען זיי געשטערט דעם רעדנער, זענען אבער געווען אויך אנהענגער, האט זיך געשאפען צוויי צדדים פון ווערטער איז מען איבערגעגאנגען צו מעשים, ביז—א האנד מיט פינף פינגער האט זיך אנגעקלעבט איינעם אויף דער באק...

מילא, אז פון דער גאנצער רעדע איז גארנישט געווארען, זענט איהר זיך דאך שוין אליין משער, דערפאר אבער איז דער „קרן" געבליבען ביי י. פ. אויף דער באק.

ווי מען שמועסט אבער, וועט פון דעם „קרן" אויך זיין א שטיקעל ריוח, וואס וועט אויסגעצאהלט ווערען אין פרידענס-געריכט...

א קורצע מעשה, אבער א שעהנע.

דער ה' ר-קי איז א יוד א חסיד. האט ער דעם פערגאנגענעם פסח אנגעשטעלט וויין פון ראזשינקעס אויף ארבע כוסות און איהם אבגעהיטען ווי אנ'אויג אין קאפ, בעהאלטען איהם בחדרי חדרים. ווען ס'איז געקומען פסח האט ער נאטירליך דעם וויין ארויפגעשטעלט אויפ'ן טיש. היות אבער ווי ביים ה' ר. איז פערהאן א קריסטליך משרת (ווי דען?) האט ער איהר נישט ערלויבט צו דערלאנגען צום טיש, האלטענדיג, אז מיט'ן בלויזען קוק קאן דער וויין ווערען יין נסך ר"ל, וואס טהוט מען אבער ביים סדר, טאמער חס ושלום פערגלוסט זיך דער שיקסע צו כאפען א בליק אויפ'ן וויין, איז דאך א סוף פון דער גאנצער מיה, איז ה' ר. געפאלען אויף א געניאלע המצאה וועלכע ער האט טאקי באלד אויסגעפיהרט.

אויפ'ן זעלבען הויף געפינט זיך דאס חסידים-שטיבעל, וואו ה' ר. דאווענט, האט ער „פערבעטען" די שיקסע אין שטיבעל אריין און איהר דארט געהייסען איבערנעכטיגען, טראכטענדיג, אז איידער וואס ווען, איידער די חסידים וועלען קומען צום דאווענען, וועט די שיקסע אויפשטעהן, אזוי אז קיינער פון די חסידים וועט נישט וויסען וואס פאר א טייערען אורח זיי האבען גענעכטיגט אין שטיבעל, און דערביי וועט דער וויין פון ה' ר. אבגעהיטען ווערען פון א בייז אויג. געהט דאך אבער נישט אזוי ווי דער מענש טראכט, מאכט זיך א מעשה און באלד אינדערפריה, כעלות, פערגליסט זיך א חסיד צו קומען אין שטיבעל אריין. שטעלט אייך פאר וואס פאר איבערראשונג ער האט געהאט, טרעפענדיג דעם טייערען אורח שלאפען אין חסידים-שטיבעל.

וואס פארע איינדרוק און ווי אזוי די חסידים האבען דערויף רעאגירט לאז איך איבער פאר אייער פאנטאזיע...

לויתן

פאַר אונזערע מאַמעס און ערציהער

(שוין ערשינען דער מערץ-נומער פון „דאס קינד")

א. גאָלדין, גענעראַל-סעקרעטאַר פון „צענטאָס"-פערבאַנד, לייגט פאַר אלע „צענטאָס" אָבטיילונגען צו פעראינטערעסירען זיך מיט די פערמעס, וועלכע עקזיסטירען שוין אין דער צאָהל פון 4. אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אָנהויב פון זומער איז דער ענין שטאַרק אַקטועל.

רעד. א. פרץ, אין זיין אַרטיקעל א. נ. „אָנ'עלטערן שולע מוז געשאַפען ווערען" רעדט אַרום די וויכטיגקייט פון דער שולע פאַר אונזערע עלטערן, וואו זיי זאָלען בעקומען די געהעריגע ידיעות און פּאַקטישע אָנווייזונגען, ווי אזוי צו ערציהען קינדער און יוגענד. אין אינטערעס פון אונזער וואויל עקזיסטענץ ליגט דאס שאַפען פון אַזאַ עלטערן-שולע.

נאַטאַן מאַרק (רומעניען) גיט אַנ'-אינפאָרמאַטיווען איבערבליק איבער דער קינדער-פערזאָרגונג אין רומעניען. דער געדרוקטער אַרטיקעל איז געווידמעט אויסשליסליך קאָלאָניעס.

ד"ר נ. ברינד (פראַנקרייך) גיט א טרעפליכע כאַראַקטעריסטיק פון די דריי עקזיסטירענדע פסיכאָלאָגישע שולען, וועלכע עקזיסטירען אויפ'ן שטח פון דער שטאַדט וויען. ווער עס וויל זיך בעקענען מיט די גרונד-געדאַנקען פון פרויד'ס און אַדלער'ס טעאָריעס, דער וועט זעהר פיעל געפינען אין נ. ברינד'ס אַרטיקעל.

א גרעסערע און אויסשעפענדע אַרבייט וועגען זומער-קאָלאָניעס הויבט אָן צו דרוקען וו. דערלאַכטער. אָנהויבענדיג פון נר. 8, וועט יעדער נומער „דאס קינד" ברענגען א גרעסערן פראַגמענט וועגען זומער-קאָלאָניעס.

אין דער רובריק „פיזישע ערציהונג און היגיענא" דרוקט מ. בירקענהיים, איינע פון די פעהיגסטע פאַלעסטינער ערציהערינס, אַנ'אינטערעסאַנטען אַרטיקעל, וויכטיג פאַר אינטערנאַטען און פריוואַט היימען: „שפייז-דיעטע אין פסח-צייט". דאס איז פאַר אונז זעהר אַנ'-אנגעווייטיגטער ענין און ס'איז באמת דער אויטאָרין געלונגען דעם ענין צו לעזען. צום סוף פון דעם אַרטיקעל איז צוגעגעבען א שפייז-מעניו פון קאַרטאָפעל.

מירא יאקובאָוויטש גיט א גענויע ביבליאָגראַפיע וועגען בעוועגונגס-שפילען אין שולע, אויף דער קאָלאָניע און אין אינטערנאַטס.

ש. וואולמאַן, דער בעקאַנטער דיכטער, דרוקט א פראַגמענט פון זיין נאַכנישט פערעפענטליכטען בוך א. נ. „קינדער-יאַהרען". דער פראַגמענט גיט איבער אין זעהר א שעהנער פאַרם די שטאַרקע פסיכישע איבערלעבענישען פון אַ יונג קינד, וועלכעס האט אין א העלען פריהמאָרגען פערלאָזען זיין היים.

ד"ר מ. פאַפיערמאַן רעצענזירט די אויסלענדישע פעדאַגאָגישע פרעסע אין נר. 8 געפינען זיך בעריכטען פון עסטרייך און פון דער שווייץ.

אין רובריק „צענטאָס"-טעטיגקייט געפינען זיך בעריכטען פון ווארשא און א פראָטאָקאָל פון דער ביאַליסטאָקער הויפט פערוואַלטונג. צום סוף שילדערט מגר. א בערגער א פייערליכע מאַסקען-רעוויע, וואס איז פאָרגעקומען היינטיגען פורים אין הייל-פעדאַגאָגישען אַנשטאַלט אין אָטוואָצק.

אין נומער געפינט זיך נאָך א ביולעטין פון יודישען לערער-פערבאַנד (גענשאַ 9) און די דריטע ליסטע פון אלע פרעסע-אָרגאַנען, וועלכע האבען זיך אָבגערופען וועגען „דאס קינד".

צום פירטען מאָל אָבגעלעגט דער עקסמיסיע-פראָצעס פון ה' גאָנזווא געגען „תומכי עניים".

אויף פרייטאג, שביעי-של-פסח, איז—ווי אונזערע לעזער ווייסען שוין – געוועזען בעשטימט דער פראָצעס, וועלכער האט געזאָלט בעטראַכטען די עקסמיסיע - אַנקלאַגע פון ה' אברהם גאָנזווע געגען דער געזעלשאַפט „תומכי עניים".

צוליב דעם אבער, וואס די יודישע עדות האבען זיך אָבגעזאָגט אום יום-טוב אָבצוגעבען א שבועה האט דער ריכטער צום פירטען מאָל אָבגעלעגט דעם דאזיגען פראָצעס.

פון „פועלי ציון" (צ. ס.)

שבת, דעם 10 ד. ח. 3.30 נאָכמ. קומט פאַר אין פאַרטיי לאָקאַל א אויסעראָרדענטליכע אלגעמיינע פערזאמלונג, געווידמעט דער פראָקלאַמירונג פון דער שקל אָקציע צום 20-טען ציוניסטישען קאָנגרעס.

אלע חברים פון דער פאַרטיי און העובד דאַרפען קומען.

פון יודאָאיסטישען אינסטיטוט

זונטאג וועט דאס יודישע טשענסטאכאוו אויפנעהמען א זעהר חשוב'ן גאַסט, דעם בעריהמטען געלעהרטען הרב ד"ר מ. ברוידא, וועלכער וועט דעמזעלבען טאג, 4 א זייגער נאכמיטאג רעפערירען אין דער נייער שוהל א.ד.ט.: „די יוגענד און די צוקונפט פונ'ם יודענטום". דער דאָזיגער רעפעראָט האט אין אונזער שטאדט ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס, און עס איז צו האָפען, אז דאס טשענסטאכאָווער יודענטום וועט זיך מאַסענווייז בעטיילינגען אין פייערליכען קבלת פנים, וואס וועט איינגעאָרדענט ווערען פאַר דעם חשוב'ן גאָסט.

צוזאמען מיט הרב ד"ר ברוידא קומט אויך דער דאָצענט פונ'ם יודאָאיסטישען אינסטיטוט אין ווארשא ד"ר מנחם שטיין. ד"ר מ. שטיין האט זיך שוין קונה שם געווען מיט זיין וויסענשאַפטליכער טעטיגקייט, און ער האט מסכים געווען צו האלטען ביי אונז אין שטאדט צוויי רעפעראָטען. איין רעפעראָט א.ד.ט.: „יודאאיזם און העלעניזם" וועט פאָרקומען זונטאג אין דער נייער שוהל; דער צווייטער רעפעראט א.ד.ט.: „די יסודות פון יודישען הומאַניזם" וועט פאָרקומען צומאָרגענס מאָנטאָג אין לאָקאָל פונ'ם יודאָאיסטישען אינסטיטוט.

פערגאַנגענעם זונטאג האט אין „מועדון עברי" רעפערירט ה' א. ח. שיפער א.ד.ט.: „איינלייטונג אין דער נייער העבראַאישער ליטעראַטור". דער רעפעראָט האט ביי אלע אנוועזענדע ארויסגערופען ענטציקונג, ווארום ער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין רייכען אינהאַלט און בעזונדערס מיט זיין זאַפטיגער העבראַאישער שפּראַך.

— מאָרגען, שבת, 4 א זייגער קומט פאַר א מסבת עונג שבת מיט דער בעטייליגונג פון ה' ש. גאָלדשטיין, וועלכער וועט לערנען פרקי אבות.

טשענסטאָכאָוו בעקומט אַ קרייז-געריכט?

אין די היגע יורידישע קרייזען קורסירען קלאַנגען, אז אין דער נאָהנטסטער צייט וועט טשענסטאכאוו בעקומען אנ'אייגענעם קרייז - געריכט, וועלכעס איז, ווי בעוואוסט, סקאַסירט געווארען אין יאָהר 1922. צום קרייז-געריכט אין טשענסטאכאוו וואלטען דאן געהערט דער טשענסטאכאווער, זאַווירטשער און בענדינער פּאָוויאַטען. דערפון דרינגט ארויס, אז דאס שאפען א קרייז-געריכט אין טשענסטאכאוו בעדייט דאס סקאָסירען דאס קרייז-געריכט אין סאָסנאָוויץ.

נדבות פאַר דער געז. „תומכי עניים"

ה' שלום ברזאָסקי א נדר 20 קילא ברויט.

ה' מ. א. לאָסטמאָן צו די יאהרצייטען פון זיינע עלטערן 10 קילאָ ברויט.

ה' שלמה טשאָפּניק א נדר 10 קילאָ ברויט.

ה' זיסקינד פרידריך און פרוי צו דעם געבורט פון זייער זוהנדעלע 10 קילאָ ברויט.

פרוי שטאַרקע 3 זל.

ה' פליוו 3 זל.

פרוי בערקאָוויטש 2 זל.

צוליב א סכסוך צווישען דער לייטונג פון דער גערטנער-פערמע מיט די אינהאָבער פון דער פאַבריק „פּול מעטאָל" גיט די פערמע 6.21 זל. פאַר'ן יודישען שפיטאָל און 6.20 זל. פאַר'ן קרן-קימת.

ווילנער נייעס.

ווען מען זאָל אַזוי פערנאָטירען בלויז פון איין וואָך...

ווילנע איז דאָך נישט קיין גרויסע שטאדט און גילט אויך נישט אלס א ספּעציעל אַנטיסעמיטיש אָרט, פונדעסטוועגען, ווען מען זאָל אזוי גיין פערצייכענען די אלע פאַלען פון אַנטי יודישע פערלעצונגען און דיסקרימינאַציעס וואס עס קומען פאַר בלויז אין פערלויף פון איין וואָך, וואָלט אונזער צייטונג נישט אויסגערייכט.

עס וואָלט זיכער נישט אויסגערייכט ווען מען זאָל אזוי ברענגען ביי אלע פאָלען פון פערטשעפען און שלאָגען יודען וואס עס קומען פאָר אין איין איינציגע וואָך, די אלע פאָלען פון געבען א יוד מיט א שטעקען איבער'ן קאָפּ, א זעץ מיט די פויסט אין פּנים אַריין, א קאָפּיע, א שטויס; די אלע פאָלען ווי קליינע שקצים אין עלטער פון 7 ביז 10 יאהר וואַרפען זיך אויף דערוואַקסענע יודען, די אלע פאָלען פון וואַרפען שטיינער, שימפּען, שעלטען, בעשפייבען, ציפען, רייסען; די אלע פאָלען פון ציהען בערעטען און היט פון די קעפּ פון יודישע פריילינס, רייסען די האָהר און אפילו אַרונטעררייסען שייטלעך (דאס געשעהט אָמּמייסטען דורך 10—12 יעהריגע שיקסלעך) די אלע פאָלען פון יאָגען, אָבשרעקען און שלאָגען קליינע יודישע קינדער; ווען מען זאָל נאָך צוגעבען דאס אונטערשטייעניש פון האָקען שויבען אין דער שוהל און דאס כמעט יעדען טאג, דאס בעוואַרפען מאָסענהאַפט מיט שטיינער שוהל-מתפללים און די אלע שיקאָנעס אויפ'ן געביעט פון האנדעל, ווען מען זאָל דאס אַלעס גיין פערנאָטירען וואָלט עס פאָרגעשטעלט א גיהנום, אינקוויזיציע און עס וואָלט אויסגעזעהען ווי א ביטערע איראָניע, אז דאס קען געשעהען בלויז אין איין וואָך אין א קליין שטעדטל פון א לאָנד, וואו יודען געניסען מכלומרשט פון קאָנסטיטוציאָנעלע גלייכבערעכטיגונג, פון שוץ פון לעבען און פערמעגען...

י. ש.

צוזאמענפאָהר פון רבנים און קהלה-פרעזעסען

די סטאראסטווא פערלאָנגט א קאַטעגאָרישע דעציזיע וועגען טרייבערען דאָס אונטערטייל

דינסטאג איז פאָרגעקומען א צוזאַמענפאָהר פון אלע רבנים און קהלה-פרעזעסען פון ווילנער פּאָוויאָט. עס האבען אנטייל גענומען די רבנים און קהלה-פרעזעסען פון וויערושאָוו, דזיאָלאָשין, אסיאָקאוו, באַלעסלאָוויעץ, פּראשקא און לוטוטאוו ווי אויך דער ווילנער רבי-רב.

דעם צוזאמענפאהר האט גערופען די סטאראסטווא, וואו עס איז אויך פאָרגעקומען די קאָנפערענץ.

עס האט רעפערירט דער וויצע-סטאָראָסטאָ קרושיזשאַנאָווסקי, וועלכער האָט בעריהרט די ניקור-אחוריים-פראַגע, פערלאַנגענדיג א תשובה פון די רבנים, צי זיי זענען בדעה איינצופיהרען אין ווילנער פּאָוויאָט דאס טרייבערען פון די אונטערטיילען. דאביי האט ער געגעבען אנצוזעהערען, דאס אויב עס וועט ווייטער נישט ווערען געטרייבערט, וועלען אָנגענומען ווערען סאנקציעס און דער קאָנטיגענט פון שחיטה וועט ווערען פערקלענערט ביז צום מינימום.

דער רעפערענט האט פערלאַנגט באלד תשובה, ווייל ער מוז די תשובה אָבשיקען אין דער וואָיעוואודזטווע.

א דאנק דער אויפקלערונג פון קהלה-פרעזעס אליעזר בערקאָוויטש (פון די אלע רבנים איז נישט געווען קיין איינער, וואס זאל קאנען זיך אָנרופען אָ פּויליש וואָרט), איז דאס געבען די תשובה געוואָרען אָבגעלעגט ביז דעם 12-טען ד. ח.

דער רעפערענט האט אויך ערקלערט די קהלה פרעזעסען, דאס די פּענסיע פון די רבנים און מורה-הוראות מוז בלייבען אין דער הויך ווי זי איז געווען אין יאהר 1935. אויסער דעם מוז די קהלה זאָרגען פאר עמעריטור אויף דער עלטער פאר אלמנות און יתומים פון רבנים א. ד. גל.

עס האט ריכטיג בעמערקט א קהלה-פרעזעס: פון וואנען צו נעמען אויף דעם אלעם, אויב די הכנסות פון שחיטה זענען צוליעב דער בעגרענצונג און קליינע קאָנטיגענטען געפאלען אויף דער העלפט.

נאָך דער קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען א בעראטונג פון די רבנים און עס איז בעשלאָסען געוואָרען אָנצופרעגען אין לאָדזער ראָבינאָט וועגען א דעציזיע.

מאַסען שווערע שטיינער געוואָרפען אין דער שוהל אריין

(אונטער'ן ערשטען איינדרוק)

אַ שווערען רושם האט געמאכט אין ווילנע דער נייעסטער פראָפאָנירענדער אטענטאט אויף דער שוהל, וואָס האט פּאַסירט אין דער נאכט פון מאָנטאג אויף דינסטאג, ווען נארא-כוליגאָנעס האבען אַרייגעשליידערט אין דער שוהל אַריין שווערע ברוקאָווע שטיינער, וואָס יעדער פון זיי איז פעהיג צו צושמעטערען אַ מענש און אויסגעהאקט די איבערגעבליבענע שויבען.

ווען דער משמש האט דינסטאג פריה געעפענט די שוהל, האט ער אַנגעטראָפען א חורבן. אויף דער ערד איז געלעגען צעשמעטערט שויבען-גלאָז און אַ גרויסע צאָהל ריזיגע שטיינער אין דער שוהל און אין פאליש. עס איז אויך געלעגען א בלעכענער ווענטילאַטאָר, וועלכער איז געווען פערפעסטיגט אין פענסטער. אויך איז צושעדיגט געוואָרען פון א שטיין א שאַלטער פון דער עלעקטריע אין פאליש.

האָקען שויבען איז אייגענטליך שוין נישט קיין נייעס. שוין צוויי הונדערט שויבען זענען אויסגעהאקט, אָבער ביז אָהער זענען געוואָרפען געוואָרען שטיינדלעך, געציעלט אויסצוהאָקען בלויז די שויבען און עס איז געווען קענטיג, אָז דאס מעשה ידיהם פון לאָבוזעס אין שול-עלטער, אָבער יעצט זעהט מען, אָז צו דער „אַרבייט" זענען צוגעטרעטען דערוואַקסענע פערשוינען, וועלכע האבען אויסגעזוכט די שווערסטע שטיינער, כדי צו מאכען אָ חורבן פון דער שוהל.

דאס ערגסטע איז וואס עס שמעקט מיט סכנות נפשות, דען ווער וועט גאַראַנטירען, אָז די דאָזיגע כוליגאַנעס וועלען נישט אריינוואַרפען די שטיינער אין מיטען דאַווענען, פונקט אַזוי ווי עס טהון שוין די קליינע חברה.

די קמחא-אַקציע אין ציפערן

די „איבערשיכטונג" פון בעמיטעלטע אויף אָרימע געהט מיט א שרעקהאָפטען אימפעט. 68 פּראָצענט פון דער ווילנער יודישער בעפעלקערונג זענען אָרימעלייט.

די היי-יאהריגע קמחא-אקציע שטעלט זיך פאַר א סך ערגער ווי מען האט גערעכענט. עס ווייזט זיך נעמליך אָרויס, אז די צאהל פון נותנים איז געפאָלען געגען פאראיאהר פון 440 אויף 381 (ארויסגעשיקט אויפפאָדערונגען איז געוואָרען 550), דאַגעגען די צאהל מקבלים איז געשטיגען פון 271 אויף 313.

די ערציעלטע סומע איז נישט קיין וועזענטליכער אונטערשיעד, פון 2325 פאראיאהר אויף 2210 היי-יאהר, וואס עס ווייזט, אז די געבערס האבען זיך מעהר אָנגעשטרענגט ווי פאראיאהר און געגעבען גרעסערע נתינות. אָבער עס נעמט ארום א שרעק צוזעהענדיג די שרעקליכע פויפעריזאַציע פון דער יודישער בעפעלקערונג פון אונזער שטאדט. עס ווייזט זיך ארויס, אָז 24 פּראָצענט (313 אויף דער צאהל 1300 פאמיליען) זענען בוכשטעבליכע אָרימעלייט, וואָס שטרעקען אויס די האנד, 32 פּראָצענט דאס איז 420 פאָמיליען זענען בעמיטעלטע אזאלכע וואס קענען צאהלען קמחא (מיר האלטען, אָז אַנ'-ערך 50 פאָמיליען זענען אזעלכע וואס קענען צאהלען און ווילען נישט, קומט אויס די צאהל נישט 380, נאָר 420), 44 פּראָצענט דאס איז 567 פאָמיליען זענען פערהאַן וואס זענען נישט אימשטאנד צו צאהלען קיין איין זלאָטי קמחא, ד. ה. גענצליכע אָרימעלייט, קומט אויס אָז 68 פּראָצענט פון דער ווילנער יודישער בעפעלקערונג זענען אביונים. דאס איז אָ שרעקעוודיגע צאהל.

ענדליך אינטערווענירט ביים סטאָראָסטאָ געגען דעם פערברעכערישען שויבען-האַקערײ אין דער שוהל.

נאָכדעם ווי מען האט גענומען וואַרפען אין דער שוהל אריין ריזיגע שטיינער, וואס ס'דראָהט מיט אָ חורבן פון דער שוהל און מיט סכנות-נפשות, איז ענדליך געגאַנגען אָ דעלעגאַציע צום סטאראסטא.

די דעלעגאַציע, וועלכע איז בעשטאַנען פון ניי-געוועהלטען קהלה-פרעזעס אליעזר בערקאָוויטש, פון שוהל-גבאי און ראטמאן הערשיל דאווידאָוויטש און פון פרנס זלמן האראוויטש, האט זיך פאר'ן סטאראסטא בעקלאָגט אויף דעם סקאַנדאַליעזען כסדר'דיגען האָקען די שויבען, וואס ס'נעמט אָן וואָס אָמאָל אָ ווילדערען כאַראַקטער.

די דעלעגאָציע האט אויסגעדריקט די פערביטערונג און פערדרוס פון דער ווילנער יודישער בעפעלקערונג אויף דער דאָזיגער שענדליכער פּראָפאָנאַציע, וואס האט נישט געהאַט קיין אָרט אַזוי לאָנג ווי די שוהל עקזיסטירט, אין די אַלע פערשידענע שטורמישע צייטען און ביי פערשידענע אָקופּאָנטען.

דער ה' סטאראָסטא האט זיך געוואונדערט, וואס ער האט נישט געוואוסט פון דער שויבען-האָקעריי. ער האט אָנגעפרעגט די אונטערליגענדע אָמטען, צי מען האט שוין וועגען דעם אינטערווענירט, אָבער אויך די דאָזיגע אָמטען האבען נישט געוואוסט צו זאָגען. אָ סימן, אָז עס איז ביז איצט גאָרנישט אינטערווענירט געוואָרען.

דער ה' סטאראָסטא האט פערשפּראָכען אָרויסצוגעבען די געהעריגע פעראָרדנונגען, כדי די שענדליכקייט אָבצושטעלען.

געוואָרפען ברענענדיג שוועבעל.

4 קריסטליכע לאָבוזעס אין עלטער פון 12 ביז 14 יאהר, דערונטער אָ זוהן פון היגען אַפּטייקער בלעשטשינסקי און פון לעהרער סמאלניק, א שילער פון ערשטען קלאָס, האבען אויפ'ן אָדורכגעהענדען נעבען דער סטאראָסטווא, ה' חיים בער ניימאן, געוואָרפען אָ ברענענדיג געגענשטאנד, וועלכעס האט ביי איהם אָדורכגעברענט דעם פּאלטאָ. ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען איז עס געווען א געפעהרליך ברען מאָטעריאָל, וואס איז בעשטאנען פון שוועבעל און כלאָרעק, (וואס דעם אפטייקער'ס זוהנדעל האט עס פערשאפט).

ה' ניימאן האט דערוועגען געמאָלדען אויפ'ן פּאָליציי פּאָסטערונעק, וועלכער פיהרט אָנאויספאָרשונג.

עס איז אינטערעסאנט, אָז דער פאָטער, דער לעהרער וויטאלד סמאלניק, האט דערפון גרויס שברת הלב און ארויסגעוויזען אָ גרייטקייט צו ערזעצען דעם שאָדען. דאָגעגען דער אָפּטייקער האלט, אז אָ יוד דאַרף וועגען אזא „קליינינגקייט" נישט צו מאכען קיין עסק און אודאי נישט צו פערלאנגען קיין שאָדען-ערזאָץ.

דאס געשפּענסט פון דער תליה אין היגען קרייז=געריכט

דער פּראָצעס פון דעם מערדער גאַפּ אין היגען קרייז=געריכט.— פאַר זיינע גרויזאַמע מערדערייען האט ער בעקומען 3 יאהר תפיסה, אייביגע תפיסה און 2 מאָל פער'משפּט צום טויט דורך הענגען.— דער פערטיידיגער האט אנגעזאגט אַנ'אַפּעלאַציע.

נעכטען האט דאס קרייז-געריכט בעטראַכט דעם פּראָצעס פונ'ם גרויזאַמען „טשענסטאָכאָווער לאַנדרו״, אַנטאַני גאַפּ, וואס זאָל בעקומען די שטראָף פאר זיינע בלוטיגע טהאַטען.

דעם 23 פּאַזשדזיערניק 1936 האט אנטאני גאַפּ אין זיין וואוינונג, אין בוגיי, ערמאָרדעט צוליב רויב-צוועקען דעם איינוואוינער פון דזשעזשניץ יאַכימטשאַק.

די איינצעלהייטען פונ'ם מאָרד שטעלען זיך פאר פאָלגענד: פאַהרענדיג קיין טשענסטאָכאָוו מיט 4 מעטער קאַרטאָפעל איז יאַכימטשיק פערהאַלטען געוואָרען דורך גאַפּ'ן, וועלכער האט אויסגעדריקט זיין ווילען צו קויפען די קאַרטאָפעל. ווען יאַכימטשאַק איז מיט זיין פוהר אריינגעפאָהרען אויפ'ן הויף, האט גאַפּ איהם איינגעלאַדען אין שטוב אריין און דאָרט מכבד געוועזען מיט בראַנפען.

זעהענדיג, אַז יאַכימטשאַק איז שוין בגילופין, האט גאַפּ מיט א זעץ מיט דער האַק בעטויבט זיין קרבן און דאַן — א בעוואוסטלאָזען אריינגענומען אין קעמערל, וואו ער האט איהם מיט א בריטווע „אויסגעפערטיגט״. דעמזעלבען טאָג האט גאַפּ זיך קאַלטבלוטיג מיט דער זעלבער בריטווע אָבראַזירט. נאכ'ן אויספיהרען דעם דאָזיגען טהאַט האט גאַפּ רעווידירט יאַכימטשאַק'ן און פון די טאַשען צוגענומען 4 זל. געלד, ווי אויך די קאַרטאָפעל פון וואַגען. ווען די נאַכט איז צוגעפאלען, האט דער מערדער דעם קערפּער פון זיין קרבן בעגראָבען אויפ'ן פעלד.

כדי צו פערווישען די שפּורען האט גאַפּ צוזאַמען מיט זיין 14-יעהריגער טאָכטער אָבגעוואַשען די בלוט-פלעקען פון דער פּאָדלאָגע. נאכדעם האט גאַפּ זיך ארויפגעזעצט אויף דער פוהר און געפאָהרען אין דער ריכטונג קיין טשענסטאָכאָוו. נעבען קוצעלין איז ער אבער אבגעשטיגען און געלאָזט דאס פערד און וואַגען אויף הפקר, צוריקקעהרענדיג זיך אהיים צופוס.

דאס פערברעכען איז אבער ענטדעקט געוואָרען. אויפ'ן אָרט איז אנגעקומען פּאָליציי, וועלכע האט פעסטגעשטעלט, אַז גאַפּ האט אויף זיין געוויסען נאך א מאָרד פון זיינס א פריינדין און איהר קינד.

דער ריכטער-קאָמפּלעט איז בעשטאַנען פון ריכטער אָלשעווסקי אלס פאַרזיצענדער און ריכטער הערצימאָוויטש און פּאָוועלסקי אלס בייזיצענדע, אנקלאַגער — פּראָקוראָר יאַזשעמבינסקי, פערטיידיגער — אדוו. יוזעף בראָניאָטאָווסקי.

דער מערדער זיצט אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק אין אַרעסטאַנטען-קליידונג, בעוואַכט דורך צוויי פּאָליציאַנטען. ער האט א רוהיג פּנים און אָבסערווירט די אָנוועזענדע אויפ'ן זאַל.

אויף דער פראגע פון געריכט וועגען זיינע פערסאָנאַליען, ענטפערט ער, אז ער האט דריי קינדער אין עלטער פון 7 ביז 14 יאהר, געדינט אין מיליטער, וואו ער איז בעשטראָפט געוואָרען מיט 3 חדשים אַרעסט פאר דעזערציע. ער איז אויך געוועזען בעשטראָפט מיט 1 חודש אַרעסט פאר א גנבה.

דער פערטיידיגער שטעלט א פאָרשלאַג, אַז מען זאָל דעם מערדער נאכאַמאָל איבערגעבען צו א פּסיכיאַטרישער אַנאַליזע, ווייל די ערשטע איז נישט געוועזען קיין גענויע און צו דעם צוועק איהם איבערשיקען אין א פּסיכיאַטרישען אנשטאַלט.

דער פּראָקוראָר שטרייכט דאַן אונטער אין זיין ענטפער, אַז גאַפּ איז אַבסאָלוט פעראַנטוואָרטליך פאר זיינע מעשים און דאס געריכט האט זיכער צוטרוי צו דער עקספּערטיזע פון די דאָקטוירים.

אין רעזולטאט וואָרפט דאס געריכט אָב דעם פאָרשלאַג פון פערטיידיגער און ס'ווערט דאַן פאָרגעלעזען דער בעשולדיגונגס-אַקט, וועלכער איז שוין אונזערע לעזער בעקאַנט.

א טייל פון בעשולדיגונגס-אַקט, — דאָרט וואו ס'רעדט זיך וועגען זיינע אומאָראַלישע מעשים לגבי זיין אייגענער טאָכטער, וועלכע ער האט פערגוואַלדיגט — ווערט פאָרגעלעזען בײ פערמאכטע טהירען.

נאכ'ן פערענדיגען דאס לעזען דעם בעשולדיגונגס-אַקט קומט פאר דאס אויסהערען א גאנצע רייהע עדות מצד דער בעשולדיגונג, וועלכע האבען זיך אונגינסטיג ארויסגעזאגט און דעם מערדער פאָרגעשטעלט אין די שוואַרצסטע פאַרבען.

ס'ווערט ערקלערט אנ'הפסקה. נאך דער הפסקה נעמט דאס וואָרט דער פּראָקוראָר, וועלכער שטעלט פאַר אין זיין בעשולדיגונגס-רעדע דעם מערדער אלס איינעם פון די ראַפינירטסטע און געפעהרליכסטע מענשען פון דער געזעלשאַפט, פאר וועמען ס'קען זיך שוין נישט געפונען קיין שום תיקון, דעריבער פערלאַנגט ער פאר איהם טויט-שטראָף.

דער פערטיידיגער פּרובט אָבשוואַכען דעם איינדרוק פון פּראָקוראָר און וויל בעווייזען, אז גאַפּ האט די אַלע מערדערייען נישט אויסגעפיהרט מיט דער פולסטער פּרעמעדיטאַציע און בעט דעריבער פאר איהם מילדערענדע אומשטענדען.

דאס געריכט געהט דאַן אויף א בעראַטונג, וועלכע דויערט א האַלבע שעה און דאַן ווערט געלעזען דער אורטייל, וועלכער לויטעט:

פאר פערגוואַלדיגען זיין אייגענע טאָכטער יאַנינאַ — 3 יאַהר תפיסה; פאר דערהרג'ענען זיין געליבטע העלענאַ פלוטאַ — אייביגע תפיסה; פאר דערשטיקען איהר קינד — טויט-שטראָף; פאר דערהרג'ענען דעם פויער יאַכימטשאַק — טויט-שטראָף דורך הענגען.

דער מערדער האט דעם טויט-אורטייל אויפגענומען גאַנץ רוהיג.

דער פערטיידיגער מעלדעט אָן אַנ'אַפּעלאַציע.

דער אויבענדערמאנטער פּראָצעס, וועלכער איז בײ אונז דער ערשטער פון דעם מין, האט ארויסגערופען א זעהר גרויסע פעראינטערעסירונג צווישען דער היגער בעפעלקערונג, וועלכע איז אין א גרעסערער צאָהל געקומען באַלד אינדערפריה אין דער געריכטס-געביידע. זיי האבען אבער געמוזט בלייבען אינדרויסען, ווייל די צאָהל פּלעצער איז געוועזען א בעגרעניצטע.

אנטי-יודישע ארויסטרעטונגען בעת'ן מאַרק=טאָג אין קלאָבוצק

מיטוואָך אינדערפריה, ווען די צוגעפאהרענע מאַרק שטעהער פון די אַרומיגע שטעדטלעך און אויך פון טשענסטאָכאָוו האבען אנגעהויבען אויספּאַקען זייערע סחורות אין קלאָבוצק האבען כוליגאַנעס כסדר ארויסגערופען אַוואַנטורעס מיט'ן ציעל נישט צו דערלאָזען די יודען שטעהן אויפ'ן מאַרק.

די יודישע מאַרק-שטעהער, נישט געקוקט אויף די דאָזיגע פּראָוואָקאַציעס, האבען זיך רוהיג פערהאַלטען און געוואָרט, וואס ס'וועט דערפון ארויסקומען. די כוליגאַנעס האבען זיך אבער אַוועקגעשטעלט פאר יעדען יודישען סטראַגאַן און בשום אופן נישט געלאָזט קיין קריסטליכען קונה צוגעהן צו א יודען קויפען. די יודישע מאַרק-שטעהער איינזעהענדיג, אז זיי וועלען גאָרנישט לייזען, ווייל מען טעראָריזירט די קונים, האבען מיט פערביטערונג צוריק איינגעפּאַקט די סחורות און אהיימגעפאהרען.

די קלאָבוצקער פּרוי גאָלדע ראַזען, וועלכע האט געפּרובט זאגען א פאר ווערטער די כוליגאַנעס, איז דורך זיי צושלאָגען און פערוואונדעט געוואָרען.

שרפה אין לישקאַ-גורנאַ.

דעם 6 ד. ח. 2 א זייגער נאכמיטאג איז אין דאָרף לישקאַ-גורנאַ אויסגעבראָכען א שרפה אינ'ם בנין פון יאַן וואָלאַדאַרטשיק. אין די פלאַמען איז פערניכטעט געוואָרען א 2-שטובּיג-הויז.

טשענסטאָכאָווער יודען האָבען זיך געלאָזט אָבנאַרען צוליב דער מעשה מיט'ן „פּרימאַ=אַפּרילים=גר״.

דער טראַדיציאָנעלער 1-טער אַפּריליגען אינ'ם ערב-יום-טוב'דיגען נומער פון אונזער צייטונג, וועגען דער מעשה מיט'ן פּראָנצויז פּ. א. (פּרימאַ-אַפּרילים), וועלכער האט געזאלט איבערגעהן צום יודענטום און זיין ברית האט געדאַרפט פאָרקומען דעם ערשטען אַפּריל אין דער קהלה, איז דורך מאַסען לעזער אַנגענומען געוואָרען אלס אמת. נאך פאר 12 א זייגער, אויף ווען ס'איז כלומרשט בעשטימט געוואָרען דער ברית, האבען אַנגעהויבען צו שטראָמען צו דער קהלה צעהנדליגער מענשען, וועלכע האבען געוואָלט בייוואוינען דעם אָריגינעלען ברית, אזוי, אז ס'האבען זיך פאר דער קהלה פערזאַמעלט עטליכע הונדערט נייגעריגע, צווישען וועלכע ס'האבען זיך אויך געפונען — ס'זאָל זיי צו קיין גנאי נישט זיין — עטליכע דאָזאָרעס און פּרנסים.

דער עולם האט זיך אבער שטאַרק פערשעהמט, ווען עטליכע יונגעלייט, וועלכע האבען זיך פערשטאַנען אויפ'ן פּרימאַ-אַפּרילים-וויץ, האבען זיי אויסגעזאָגט דעם סוד...

אין דער ערשטער אַלעע האט מען דעם גאַנצען דאָנערשטאַג פּאָרמיטאָג שטאַרק אַרומגעלאַכט צוליב דער געלונגענער פּרימאַ-אַפּרילים מעשה מיט'ן גר.

נאָך אינטערעסאַנטער איז דאס, וואס אפילו דער וואַרשאָווער „ראַדיאָ״ האט זיך אויך נישט געכאַפּט דערויף און אויסנוצענדיג די דאָזיגע מעשה געמאכט דערפון א סענסאַציע, זי „צוגעזאַלצען״ און „צוגעפּעפּערט״ און עס אונטערגעטראָגען די לעזער אלס א געשמאַקען מאכל...

טשענסטאָכאָווער יודען קאָנען בלייבען אָהן כשר פלייש

פערקלענערט דעם קאָנטיגענט פאַר'ן חודש אַפּריל.

די אויפזיכטס-מאַכט האט פערקלענערט פאר'ן היינטיגען חודש דעם קאָנטיגענט פון כשר פלייש פאר דער טשענסטאָכאָווער יודישער בעפעלקערונג פון 115 טויזענד קילאָ אויף 65 טויזענד, ד. ה., אַז מען האט אָוועקגענומען 50 טויזענד קילאָ.

ווען מען נעמט אין אַכט, אַז דער דערמאַנטער קאָנטיגענט פאר די פריהערדיגע חדשים איז אינגאַנצען אויסגעשעפּט געוואָרען און אז אין מערץ, ווען ס'איז אויסגעפאַלען דער יודישער פּסח האט זיך זאָגאַר געפיהלט א געוויסער מאַנגעל אויף כשר פלייש, איז מעהר ווי זיכער, אַז יעצט ווען דער קאָנטיגענט איז בעשטימט געוואָרען כמעט אויף א העלפט, וועט אויספעהלען כשר פלייש.

די קהלה, ווי אויך דער פליישער-צעך דאַרפען דעריבער אונטערנעהמען די געהעריגע אינטערווענצען בײ דער אויפזיכטס מאַכט, כדי די יודען אין טשענסטאָכאָוו זאָלען נישט בלייבען אָהן פלייש.

אַנ'אָריגינעלער מיטינג אין דער צווייטער אַלעע

זונטאג, אַרום 12 א זייגער פּאַרמיטאַג, ווען די מיטגלידער פון פּ. פּ. ס. האבען איבער די גאַסען פערקויפט זייערע סאָציאַליסטישע אויסגאַבען און צייטונגען, זענען אויף זיי אַנגעפאַלען א גרופּע ענדעקישע כוליגאַנעס און זיי ארויסגעריסען די צייטונגען, געשלאָגען און אראָבגעריסען פון די ערמעל די רויטע לענטעס. ס'איז באַלד ענטשטאַנען א גרויסער טומעל און געגענזייטיגע געשלעג. די ענדעקעס האבען אויסגענוצט די סיטואַציע, וואס א גרעסערער עולם איז זיך צוזאַמענגעלאָפען און אָבגעהאַלטען אין מיטען פון דער אַלעע א פּראָוויזאָרישען מיטינג, אויף וועלכען איינער האט געדרשנ'ט און צווישען אנדערעס געשיט פעך און שוועבעל אויף יודען, פערענדיגענדיג מיט: „פּרעטש ז'זשידאָווסקימי פּאַכאָלקאָמי״! „פּרעטש זע זדראַיצאַמי נאַראָדו״! „זדראַיי פּאָלאַק מישלי טילקאָ פּאָ פּאָלסקו״! און נאך אזעלכע עהנליכע עפּיטעטען.

אין דער זעלבער צייט איז צו אַן אַנדערער גרופּע פון פּ. פּ. ס., וועלכע האט אויך פערקויפט צייטונגען אין דער ערשטער אַלעע, צוגעקומען פּאָליציי, וועלכע האט בײ זיי צוגענומען די רויטע לענטעס פון די ערמעל און געהייסען זיך פונאַנדערגעהן.

נאך דער דאָזיגער אויפפאָדערונג פון דער פּאָליציי, זענען זיי רוהיג אַוועק.

די אויספאָרשונג אַרום דער באַהן=קאַטאַ=סטראָפע אין רודניק.

די אויספאָרשונג אַרום דער גרויזאַמער באַהן-קאַטאַסטראָפע אין רודניק האלט שוין ביים פערענדיגט ווערען. די דאָזיגע אויספאָרשונג ווערט געפיהרט דורכ'ן ריכטער קוואַשניאַק.

בסך הכל זענען פערהערט געוואָרען אַנ'ערך 80 פּערזאָן, דערונטער פיעל פּאַסאַזשירען פון דער טראַגעדיע. א גרויסע בעדייטונג פאַר'ן דאָזיגען ענין האט די מיינונג פון דער פערגרעסערטער באַהן-קאָמיסיע, צו וועלכער ס'געהערען מאַכלייט פונ'ם קאָמוניקאַציע-מיניסטעריום, וואַרשאָווער באַהן דירעקציע א. א. וו.

אין די נאָהנטסטע טעג וועלען די רעזולטאַטען פון דער אויספאָרשונג איבערגעשיקט ווערען צו דער פּראָקוראַטור, וועלכע וועט צונויפשטעלען דעם בעשולדיגונגס אַקט. דער איינציגער אנגעקלאַגטער אינ'ם דאָזיגען פּראָצעס וועט זיין דער באַהן-בעאַמטער, וואס איז בעשעפטיגט ביים וועקסלען די שינעס אויף דער סטאַציע רודניק יאַן בעקיס, וועלכער וועט געמשפּט ווערען לויט די אַרטיקלען 215 פּאַר. 1, 230 פּאַר. 2 און 236 פּאַר. 2 פון שטראָף-קאָדעקס, ד. ה. פאר אומגערן גורם זיין א קאַטאַסטראָפע, דעם טויט און שווערע קערפּער-בעשעדיגונגען פון עטליכע פּערזאָן. לויט די אויבען-אויסגערעכענטע אַרטיקלען דראָהט א שטראָף ביז 5 יאָהר תפיסה.

נאָך אייניגע טעג בלויז וועט זיין אָפען די בילדער-אויסשטעלונג פון בן-ציון צוקערמאַן.

מיר געפינען פאר אונזער חוב אויפמערקזאַם צו מאַכען, אַז די ווערטפולע בילדער-אויסשטעלונג פון בעוואוסטען קינסטלער בן-ציון צוקערמאַן, וועט זיין אָפען בלויז נאך אייניגע טעג.

ס'קענען אַבלויפען יאהרען און די היגע איינוואוינער קענען נישט האבען די געלעגענהייט צו זעהן אַזאַ אינטערעסאַנטע בילדער-אויסשטעלונג, ווי ס'איז די קאָלעקציע פון בן-ציון צוקערמאַן. דעריבער דאַרף יעדער אויסנוצען די קורצע צייט, וואס ס'וועט נאך זיין אָפען און זי בעזוכען אין די שעהנע זאַלען פון „געזעלשאַפטליכען קלוב״, צווייטע אַלעע 35, פראַנט, 2-טער שטאָק. יעדען טאָג פון 10 פריה ביז 5 נאכמיטאג.

„פריילּיכע קבצנים״ — די לעצטע טעג אין „סטילאָווי״.

אין קינאָ „סטילאָווי״, 2 אַלעע 27, ווערט שוין די לעצטע טעג דעמאָנסטרירט דער געלונגענער יודישער פילם „פריילּיכע קבצנים״ מיט די ליבלינגען פון יודישען פּובליקום דזשיגאַן און שומאַכער.

אויסער דעם נעמען אויך אנטייל אינ'ם דאָזיגען פילם די אונז בעקאַנטע גאָלדשטיין, רות טורקאָוו, אָפּענהיים א. אַנד.

די דאָזיגע, וועלכע האבען נאך דעם פילם נישט געזעהן דאַרפען אויסנוצען די לעצטע עטליכע טעג.

שווער צושלאָגען יודישע דאָרפס-געהער.

מענדיל פרידמאַן, 54 יאהר אַלט, פון ווילען, וועלכער האט זיך מאנטאג נאך פּסח געלאָזט אין דאָרף אריין צו פּערדינען א פּאָר גראָשען איז אין דאָרף יאַיטשאַקי בעפאַלען געוואָרען דורך דאָרפס שקצים, וועלכע האבען איהם אזוי צוהרגעט, אז מען האט איהם געמוזט ברענגען אין שפּיטאָל אריין.

אויך איז דינסטאג חול המועד בעפאַלען געוואָרען אין דאָרף אלעווין און גוט צושלאגען געוואָרען דער דאָרפס-הענדלער יונה אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז אהיימגעקומען א צובלוטיגטער.

דעם זעלבענס א ברודער, לייב אַבראַמאָוויטש, איז מיט א וואָך פריהער אין דעם זעלבען דאָרף געוואָרען אַריינגענאַרט אין א שטאַל אריין, וואו מען האט איהם פערשפּאַרט, פערלאַנגענדיג אויסקויף-געלד און איהם פריהער נישט ארויסגעלאָזט אויף דער פריי ביז ער האט דאס אויסלייז-געלד נישט געגעבען.

עס איז נאך טרויעריגער דערמיט, וואס די געליטענע מעלדען עס נישט דער פּאָליציי, אויס מורא פאר נקמה.

בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אין דאָרף פּיאַסקי, ביי לוטוטאָוו, איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך אַריינשטעכען זיך א מעסער אין האַרצען א וואַנדערער, וועלכער האט גענעכטיגט אין דאָרטיגע אורחים-הויז, אנטאני אגראבעק.

פאַרבּעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA״

ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער דעם געהעלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

קראַגענס ווערען געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

ספּעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס.
2) פאַרבען לויט מוסטערן.
3) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט).
4) כעמיש רייניגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושן.

KINO „EDEN".

ביי קונסטווערק פון שעפער פון „משיבי״ מאַקס נויפעלד

TONI z WIEDNIA

שרעקליכע איבערלעבענישען פון א יונגעל, וואס זוכט מוטער - געפיהל ביי מענשען.

אינ'ם פילם נעמט אַנטייל

„דער ווינער כאָר פון זינגער-קנאַבען״.

Kino „LUNA".

די ווייטערדיגע איבערלעבונגען פון די העלדען פונ'ם פילם TRĘDOWATA

Ordynat Michorowski

געשטיצט אויף דער ערצעהלונג פון העלענא מנישקובנא.

אין די הויפּט - ראָלען: בראָדניעוויטש, סטעמפּאָווסקי, טשוויקלינסקאַ, ווישניעווסקאַ, וואָיטעצקי און אנד.

ביז זונטאג, ד. 11 — 3.30 נ"מ 1 סעאַנס מעכטיגסטער פילם פון וו. שעקספּיר

ROMEO i JULIA

Kino - Teatr „STYLOWY"

Aleja 27.

די לעצטע צוויי טעג:

דזשיגאַן און שומאַכער

וועלען אַמוזירען דעם עולם אין דער נייעסטער יודישער קאָמעדיע

פריילּיכע קבצנים